the representatives of the parties and the Government were in constant conference, trying to find a solution of the difficulty. Saturday arrived and the stations were still closed, folks could go nowhere and holiday folks were stranded. Prices of food stuffs rose, butter was scarce, flour was short in industrial towns and the pickets only allowed supplies for hospitals to be taken to or from the stations. They even gave permits to the postal authorities so that the mails could be attended to.

While this was going on in the provinces, London dockers were out to the tune of 50,000 and at Liverpool the dockowners had again locked out 25,000 dockers because the railwaymen were on strike. The public was aroused, and sympathized strongly with the railway men in their demands. On Sunday morning the strike was ended. Trades union recognition had almost been conceded and a Government Commission with two Labor men out of five had been appointed to consider the working of the 1907 conciliation boards and also the rights of unions to have their officials intervening in cases of trade trouble. The news was hailed with delight, 1800 telegrams were sent to the four branches of the unions concerned claiming a victory. Huge demonstrations were held all over the country and the men were advised to resume work as they had ceased—in a body. The strike was a success from the disciplinary point of view. It didn't get what the men asked for but everybody believes that they will secure trades union recognition and the poorer paid workers more money.

It has been a glorious fight and thousands of trades unionists have been made by the obstinacy of the huge Shipping and Railway Companies. Following this the ironworkers and laborers in many towns made a demand for more wages. They were mostly successful. Now some textile workers in the worsted trade are following suit and in Leeds 200 girls and women came out for 2/- a week advance and after a three days strike, with the help of the Textile Union, they got 1/6 advance and a promise of consideration later on. August has all through been a glorious month for labor and the public meetings have impressed the general public that the workers do not get enough pay.

Concurrently with these exciting events the Clothing trades have been making headway, for the National and Local Wages Boards to fix a minimum wage, has sat. The price to be argued is 3½d per hour for the female workers. I think that will be the amount fixed and then on one will be allowed to employ a young woman 18 years of age, below that price. The gentile employers wanted a lower figure, the Jewish employers were a bit broader than the Gentiles, but the final round, for reference to the Board of Trade to settle upon was a 3½d or seven cents an hour basis. To the scores of thousands who do not get twelve shillings a week this will be an improvement. There are, of course, thousands who earn and get more than that, but the principle of a minimum will stop the sweating that has been so common in the clothing trade for generations.

---

## ספעשעל נאָטיס.

מיר מאַכען נאָך אמאָל אויפמערקזאם אַלע אָפּיסערס און מעמבערס פון דער לײדיעס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, אַז קײן מעמבער, מעג ער זײן ווי לאַנג אַ מיטגליעד, איז ניט בערעכטיגט צו די טויטען־בענעפיט פון אונזער אינטערנײשאַנאַל, אויב דיעזער מיטגליעד האָט זיך ניט גערעדזשיסטרירט זינט דעם לעצטען קאָנווענשאָן און אײנגעצאָהלט זײן רעדזשיסטרײשאָן פּיע פון 50 סענט.

אויסצאָהלען בענעפיטס פון 50 און 100 דאָלאַרדינגע איז ניט קײן קלײנינקײט. דער בעשלוס פון לעצטען קאָנווענשאָן מוז אָבגעהיט ווערען, ווײל דאָס איז אַ צוזאַץ צו די אַלטע רולס. די אַלזאָ, וואָס האָבען נאָך ניט אײנגעצאָהלט זײער רעדזשיסטרײשאָן פּיע, זײנען פּאָזיטיוו ניט בערעכטיגט צו קײן טויטען־בענעפיט.

## פאָדערט דעם יוניאָן לײבעל.

עס קומען באַלד אָן די ימים טובים. איהר וועט נעוויס קויפען פיעלע זאַכען פאַר זיך אָדער פאַר אײער פאַמיליע. — האָט אין זינען אַז דער יוניאָן לײבעל אויפ'ן אַרטיקעל איז אַ צײכען פון יוניאָן־אַרבײט און פון יוניאָן קאָנדישאָנס.

פאָדערט דעם יוניאָן לײבעל! און ענטזאָגט זיך צו האַנדלען מיט די ביזנעס־לײט, וואָס האַלטען ניט קײן יוניאָן וואַארע.

---

## נאָטיס צו סובסקרײבערס.

סובסקרײבערס וועלכע בעקומען ניט דעם זשורנאַל זאָלען זאָפאָרט צושיקען אין דזשענעראַל אָפיס אַ פּאָסטאַל קאַארד מיט זײער נאָמען און אַדרעס דײטליך געשריעבען. פערלאָזט זיך ניט אויף נסים.

# א קלאָוקמייקער סטרייק אין וואוסטער

---

וואוסטער איז א קליין שטעדטעל אין מאס. און אן ערך 150 קלאָוקמייקערס און ליידיעס טיילאָרס זיינען דאָרט בעשעפטיגט. די אינטער־נײשאָנאל האָט דאָרט א לאָקאל — לאָקאל 75. די מעמבערס זיינען מוטהיג און אויפגעלעגט צו ארבייטען פיר דאָס וואָהל און בעסטען די אר־בייטער בעוועגונג.

די ארבייטס־שטונדען אין וואוסטער זיינען ביז היינט געווען זעהר לאנגע — 58 שטונדען א וואָך!

די מעמבערס פון לאָקאל 75 האָבען אָבער גערעכענט אז עס איז ראטהזאם אבצוואווארטען נאָך א סיזאָן איידער מען שטעלט פאָדערונגען צו די פּאר באָסעס וואָס געפינען זיך אין דעם ליין.

גראדע האָט זיך געמאכט אז אין דעם גרעס־טען שאפּ, וואו עס זיינען בעשעפטיגט א 40 ארבייטער, האָט א פאָרמאן־דעזיינער א פּאטש געטהאָן אן ארבייטער.

דאָס איז געווען ביי דער פירמע לעווינסאָן און חיפעץ.

די ארבייטער האָבען זיך באלד אויפגע־שטעלט און געפאָדערט די ענטזאגונג פון דעם דעזיינער, און ער איז טאקע ענטזאגט געוואָרען. דער טומעל מיט'ן דעזיינער האָט אָבער גע־בראכט די ארבייטער צו א מיטינג מעהר ווי גע־וועהנליך, און ביי דעם מיטינג האָט מען זיך שוין דערמאָנט וועגען האָבען א יוניאָן שאפּ, וועגען ארבייטען קירצערע שטונדען, וועגען קריי־גען עקסטרא בעצאָהלט פאר אָווער־טיים—קורץ, מען האָט זיך דערמאָנט אָן וואָס עס פעהלט, און עס איז בעשלאָסען געוואָרען אז מען זאָל דאָס פאָדערען, און אין פאל דער באָס וועט זיך ענטזאגען זאָל מען סטרייקען.

מען האָט געמוזט ארויס אין סטרייק!

די סענטראל לייבאָר יוניאָן פון וואוסטער האָט צוגעהאָלפען, אָבער עס האָט זיך געפאָ־דערט די מאָראלע מיטהילפע פון דער אינטער־נײשאָנאל, און גענ. שאול עלשטיין איז געקומען אין שטאָדט. נאָך צוויי מאָל ריידען מיט די אר־בייטער און מיט דער פירמע איז דער סטרייק געסעטעלד געוואָרען צו גונסטען לאָקאל 75.

צוליעב די ניט־געניטע האנדלונג פון די ארבייטער, איז די פראגע פון שטונדען געסע־טעלד געוואָרען איידער ש. עלשטיין איז געקומען און פאָלגליך האָט מען וועגען דעם פונקט ניט געקענט געהן צוריק. עס האָט זיך אָבער געהאנ־דעלט וועגען די רעגולירונג פון דיזעלבע שטונ־דען און וועגען פיעלע אנדערע פונקטען, וואָס האָבען נעברויכט געסעטעלט ווערען.

די ארבייטער האָבען פון דיזען קורצען סטרייק געוואונען:

1. פיער שטונדען וועניגער אַרבייט — וואָס אויף וועכענטליכע ווײדזשעס איז דאָס א באלדיגער געווינס אין געלד און אין געזונד.
2. טיים און א האַלב פאר אָווער־טיים.
3. א גלייכע צוטהיילונג פון דער ארבייט.
4. א שאפּ־טשערמאָן ערוועהלט פון די אר־בייטער צו פערטרעטען זייערע אינטערעסען אין שאפּ.
5. צו פערהאנדלען מיט דער יוניאָן אין אלע פראגען וואָס איז שייך צו די ארבייטער אינטערעסען.

אויף די פונקטען און נאָך א פּאר, וועגען אנגעלעגענהייטען פון שאפּ גופא, האָט זיך די פירמא אונטערגעשריבען. צום אָנפאנג פון דעם נעקסטען ספּרינג סיזאָן ברויך מען מיט דער פירמא פערהאנדלען וועגען א ווייטערע פער־קירצונג פון די שטונדען, כדי איינצופיהרען אין וואוסטער א 50־שטונדיגע ארבייטס־וואָך.

באלד ווי דער סטרייק אין דעם שאפּ איז געווען געענדיגט, האָט זיך אָנגעפאנגען א לע־בעדיגע בעוועגונג אין די פּאר אנדערע שעפּער, צו ברענגען די לאגע פון די ארבייטער אויף דעם זעלבען שטאפּעל, ווי אין דעם געסעטעלטען שאפּ. וואוסטער דארף זיך נאָך לאָזען הערען.

# פערשיעדענעס

---

א איד געהט אין קאנאל סטריט פערביי די קלאָדינג־סטאָרס, און די ארייגשלעפּערס כאַ־פּען איהם אָן פאר א סליוו און פרעגען איהם:

— ר' איד, מיסטער, וואָס דארפט איהר?

דער איד שטעלט זיך אָפּ, פערטראכט זיך און ענטפערט:

— וואָס איך דארף? וואָס ק ע ן איך דארפען! כ'וויים? א צוועלף דאָלאר א וואָך....

---

קיינער איז ניט אזוי דום זיך איינצובילדען, אז ער קען ווערען פון א האָליץ־ארבייטער א פידלער, אזוי גיך ווי ער קריגט נאָר א פידעל. אָבער כמעט יעדער פון אונז מיינט אז ער קען ווערען פון א בחור א קינדער־ערציהער, אזוי גיך ווי ער ווערט נאָר א פאָטער.

---

אן איירישער אָפיציער האָט אמאָל געגעבען א סאָלדאט אזא מין בעפעהל:

— ריהר זיך ניט פון אָרט. געה נור הין און צוריק און זעה וואָס דו קענסט הערען.

# ארבייט און אויפגאַבען פון לאָקאַל 17

פון דער ריפּער מייקערס יונ., לאָק. 17.

אויסערדעם וואָס לייבאָר דעי איז אַן ארבייטער יום טוב, אויסער דעם וואָס מיר זיינען אַ מיטגליעד פון דער גרויסער משפּחה די קלאָוקמייקערס יוניאָן, מיט וועלכער פאַמיליע עס איז געווען אונזער פליכט מיטצומארשירען אום צו מאַכען די דעמאָנסטראַציאָן וואָס גרעסער און שענער, אויסערדעם אלעמען האָבען מיר. געדענקט מיט דיעזען מאַרטש צו ווייזען אז מיר האָבען מיט וואָס צו שטאָלצירען. מיר האָבען געוואָלט ווייזען אונזערע פריינד און שונאים ווי אזוי ריפּער מייקערס — אַ פּאָר טויזענד יונגע מענער און פרויען — זעהען אויס.

די אראַנזשמענטס קאָמיטע האָט געטהאָן אלעס מעגליכע, — ניט שפּאָרענדיג געלד און כחות — צו מאַכען דעם מאַרטש אַן ערפאָלג.

און אַלע ריפּער מייקערס זיינען געקומען צום מאַרטש, פערפּוצט אין זייערע יוניפאָרמס און בערזשעס, מיט שיינענדע געזיכטער, מיט א יום־טוב'דיגען שמייכעל זיינען זיי געקומען.

נור איין שאַפּ האָט ניט מאַרשירט מיט אונז, אין אָבגעהאַלטען האָבען זיי זיך „אויס פּרינציפּ". „אזוי ווי," האָבען זיי געזאָגט, „דיעזער יום־טוב איז לעגאַליזירט, פאָלגליך איז עס ניט קיין ארבייטער יום טוב."

אויף אַזאַ אופן קומט אויס, אַז אויב עס וועט די ארבייטער געלינגען דורך זייערע פערטרעטער אין קאָנגרעס צו לעגאַליזירען אין דער נאָהענטער צוקונפט דעם ערשטען מאַי, וועט דיזער טאָג ערקלערט ווערען פון דיזען „פּרינציפּיעלען" שאַפּ פאַר אויס ארבייטער יום טוב.

*

ווען איך שרייב דיעזע צייל‍ען, איז אין טרייד ביזי.

מיר ליידען אָבער פון אַן אנדער צרה. דער קאָנטראַקטינג־סיסטעם נעמליך גראָב אונטער אונזערע שעפּער. די באָסעס אונזערע, מורא־האָבענדיג צו פייטען אונז אָפען, האָבען זיי זיך אָנגעכאַפּט אָן דיעזען מיטעל, און בשתיקה שיקען זיי זייער ארבייט צו נאָן־יוניאָן קאָנטראַקטאָרס.

מיט דער יוניאָן סעטלען זיי ——די באָסעס—פּרייזען, און שיקען דאַן בסוד סודות אוועק דעם גאַרמענט צום נאָן־יוניאָן קאָנטראַקטאָר. זיי טהוען אונז דערמיט שאַדען אין צווייען: ערשטענס קריגען זיי דעם גאַרמענט ביליגער געמאַכט, פון איטאַליענער מעהרסטענס; צווייטענס, ענטמוטהיגען זיי דערמיט די ארבייטען.

די באָסעס האָבען אפילו געסיינט אַן אגרימענט, לויט וועלכען זיי טאָרען צו קיין נאָן־יוניאָן קאָנטראַקטאָר די ארבייט ניט שיקען, נור... ווי יענער צדיק וועלכער האָט קיין מאָל ניט גע'גנב'עט, ווייל — ווייל ער האָט מורא געהאַט טאָמער וועט מען איהם כאַפּען... אבער אין דעם מאָמענט ווען ער איז זיכער געווען אז מען וועט איהם ניט כאַפּען — איז אויס צדיק.

אונזערע באָסעס האַנדלען דאַן עהרליך, לויט זייער וואָרט, לויט זייער אונטערשריפט, לויט יושר ווען מען כאַפּט זיי ניט!

מיר מוזען דארום וואָרענען אונזערע מעמבערס: וואַטשט מיט אָפענע אויגען וואוהין די באָנדלעך געהען, און זאָפּאָרט ווי איהר געפינט אויס, דאָס דער באָס שיקט די ארבייט צו אַ נאָן־יוניאָן קאָנטראַקטאָר, סטאָפּט די ארבייט!

ווייל מיט זיין שיקען די ארבייט צו אַ נאָן־יוניאָן קאָנטראַקטאָר, האָט דער באָס — ניט די יוניאָן — געבראָכען דעם אגרימענט.

דער באָס קען שיקען די ארבייט בלויז צו אַ יוניאָן־קאָנטראַקטאָר, וועלכער מוז האָבען אַ פּרייז־ליסט און די ארבייטער פון אינסייד און אויטסייד מוזען האָבען פון צייט צו צייט שאַפּ־מיטינגען. די ארבייטער פון די שעפּער מוזען דאָס אין אכט נעהמען.

עס מוז איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַן ענדע נעהמען צו דיעזער טאַקטיק. איהר, ארבייטער, זוערט אויף אַ שענדליכען אופן בעטראָגען!

וואַטשט זיי אויף יעדען טריט. „עס עקש תתפּל" האָט אמאָל איינער געזאָגט.

אַן אָפענעם קאַמפּף זאָלען זיי מיט אייך פיהרען.

און אויב די ארבייטער וועלען דאָס פערנאַכלעסיגען, וועלען זיי קיינעם ניט האָבען צו בלייםען נור זיך אליין!

*

מיר האָבען גערעכענט צו זיין אימשטאַנדע צו קאָלעקטען פאַר קליוולענד וועניגסטענס 500 דאָלאַר וועכענטליך, ליידער האָבען מיר בלויז אַ פּאָר וואָכען דיעזע סומע קאָלעקטעד, און די איבריגע וואָכען בלויז צו איבער 400 דאָל.

די ארבייטער געבען אָן אַלס אורזאַכע, ווייל זיי ארבייטען ניט קיין גאַנצע וואָכען. עס איז טאַקע אמת. ווען די ארבייטער וואָלטען אבער גענומען אין אַנבעטראַכט די וויכטיגקייט פונ'ם ערפאָלג פון קליוולאַנד, וואָלטען זיי דעם ביסען פון מויל אָבגעשפּאָרט פאַר זייערע שוועסטער און ברידער פון קליוולאַנד.

זייער קאַמפּף איז אייער קאַמפּף און זייער זיעג וועט זיין אַ זיעג פאַר אונז!

*

נעכסטע וואָך ענדיגט זיך דער קוואַרטאַל. אונזער פינאַנציעלער בעריכט וועט זיין געדרוקט אין נעכסטען נומער לײדיס גאַרמענט וואָרקער.

נאָך אַ לאַנגען פערהאַנדלען זיינען מיר געקומען צו אַ פערשטענדניס מיט דער דזשאָינט באָארד, און דיעזע וואָך וועלען דעלעגאַטען עלעקטעד ווערען צו דיזער קערפּערשאַפט. מיר האָפען צו ארבייטען אין האַרמאָניע מיט אונזערע ברידער פון דער אינטערנײשאָנאַל.

י. ראָזען, פינ. סעקרעטער.

קראנץ'ס הויז ווי א שפאנישע פליעג. אה, ניין! מענשען האבען ניט קיין אויגען.

עמיל (אימער מעהר איבערראשט).

לינא: מען טראכט אויף דיר בלבולים, ניין? נו, ענטשולדיג מיך! וואס געזעהן איז ניט געזעהן, וואס געהערט איז ניט געהערט.... אלע זיינען איינגעבילדעטע נארען און דו איינער ביזט גוט און פרום און קלוג... פריילין ראזענקראנץ איז אן ענגעל און דו ביזט א גאט, און מיר אלע זיינען טייוואלים מיט בייזע געדאנקען.

עמיל (בליקט זי אן במעט מיט פער אבטונג).

לינא: אט דער בליק האט נאך געפעהלט אויף דיין שעהנעם פנים! טאקע מעהר גאר ניט! אזוי זעהסטו אויס פיין... שווייג זאג איך דיר!

עמיל (הויבט זיך אויף און וויל צוגעהן צו איהר).

לינא: עמיל! ווען דו מיינסט מיך אנצוריהרען מיט א פינגער — וואג עס! האב נור דעם מוטה! מעהר ווי שלאגען דיין ווייב דארפסטו ניט. בלייב וואו דו ביזט, הערסט? ניין, איך וועל דאס אויך פערליידען און א פיפס ניט טהאן.

עמיל (לאזט אראב די אויגען אויף דער ערד אויסזעהענדיג ווי איינער וואס וויל ניט ענטפערען).

לינא: דו שווייגסט! דאס איז זעהר פיין פון דיר. צו וואס ענטפערען אן אונגליקליכע פרוי? ווער ענטפערט א צובראכענע הארץ? דו ביזט שטום! געוויס. לאז זי זיך רייסען די גאל שרייענדיג, ווער וועט דאס ענטפערען א ווייב? (זי קומט נעהנטער צו צו איהם) פאר דער חתונה איז געווען אן אנדער זאך... דאן האבען זיך געקייקעלט ווערטער ווי פערלעך פון דיין מויל... דאן בין איך דיר געוועזען ליעב און די לעדערנע ליפען האבען דיך ניט אינטערעסירט. שווייג, שווייג! ענטפער מיר ניט, טראמפעל אויף מיינע געפיהלען, דאס איז שעהן אזוי, דאס איז מענליך.

עמיל (לאזט די ציישונג ארויספאלען פון האנד. ער זעהט אויס געריהרט).

לינא (במעט וויינענדיג): און וואס פערלאנג איך פון דיר? טאר א ווייב ניט וועלען וויסען וואו א מאן טרייבט זיך ארום א גאנצען אבענד? האסטו ניט אליין געזאגט, אז דו וועסט קומען פריה אהיים? איז עס א פערברעכען צו וועלען וויסען? בין איך דיר ארויפגעפאלען מיט א מויל, ווי יעדע אנדערע פרוי וואלט געטהאן? (זי וויינט) אה, מוטער! מוטער! ווען דו וואלסט זיך פארגעשטעלט, אז דיעזער מאן וועט ברעכען מיין הארץ דעם אבענד פון מיין געבורטסטאג!

עמיל (לעגט ארויף די האנד אויף איהר שולטער).

לינא: לאז מיך צו רוה! איך דארף ניט דיינע פאלשע רחמנות! דו האסט געוואלט אז איך זאל וויינען און דיין וואונש איז ערפילט. דו, דו! דו — וועלכען איך האב אזוי געליעבט!

עמיל (ווערט אויפגערעגט און געהט אוועק צו די אנדערע זייט פון צימער).

לינא: אה, איך וויים! דו וואלסט זיך באדען אין מיינע טרערען.... ער אנטלויפט! אזוי ענטפערט מען דאס א ווייב.

עמיל (גיסט זיך איין א גלאז וויין).

לינא: פערגים מיר ניט דעם טעפיך; דו ווייסט, דאס איך האב דאס א מתנה פון מיין מוטער! דו פיהרסט מיר איבער יעדע ברעקעלע אין הויז; דו ביזט ערגער ווי א קינד! דו וועסט פערגיסען, זאג איך דיר!

עמיל (זעהט זי אן מיטליידיג און וויל ענטפערן).

לינא: דו וועסט שוין געפינען א תירוץ! צום אויסטראכטען ליגען ביזטו א בריה. עמיל, טהו מיר דעם איינציגען געפאלען צו מיין געבורטסטאג און זאג ווענינגסטענס ניט קיין ליגען, הערסטו?

עמיל (קעהרט זיך אפ צום פובליקום, ווי איינער זאגט: הייגט מהוט וואס מיט אזא צונג!)

לינא. נו, וואס שווייגסטו?

עמיל (נעהמט ארויס פון קעשענע א סאמעטענע קעסטעלע און גיט איהר).

לינא (ערשטוינט): אה! זעה נור! מיט גילדערנע בוכשטאבען! „פאר מיין טהייערע לינא צו איהר 22 יעהריגען געבורטסטאג פון איהר ליעבענדען מאן!“ און דאס צו לאזען מאכען ביזטו ארומגעלאפען א גאנצען אבענד נאך דער ארבייט אין שטאדט? אה, מיין זיסער, גוטער, טרייער עמיל! דו ווייסט ניט ווי היים איך ליעב דיך! (זי פאלט איהם ארויף אויפ'ן האלז; ער אומארמט זי).

(פארהאנג)

## אנמערקונג צו שוישפיעלער.

אין דיעזע דראמאטישע סצענע איז, ווי מען זעהט, עמיל'ס ראלע א שטומע. צו פערשפארען פלאץ אין'ם „גארמענט װארקער“ איז ניט אימער אנגעדייטעט געווארען וואו עמיל דארף זיך א קרים טהאן, וואו ער דארף אויפשפרינגען, וואו ער דארף לאכען און וואו ער דארף זיך בייזערען. דער לעזער מערקט דאס פון לינא'ס רייד, און א גוטער שוישפיעלער וועט וויסען ווי זיך צו האלטען אפילו ווען מען קען דאס פון איהרע ווערטער ניט דייטליך ארויסזעהן. — די קורצע ראלע אחן ווערטער האט דער גרויסער קאמיקער קאקעלען (פון דעם „פראנצויזישען טהעאטער“ אין פאריז) געשפיעלט מיט גרויס ערפאלג.

ר. א.

# מאן און װײב

א דראמאטישע שילדערונג אין 1 אקט.

(דער סוזשעט איז א פראנצויזישער.)

פערזאנען:

עמיל ראזענצװײג, א יונגער מאן מיט א װײ־כען כאראקטער.

לינא ראזענצװײג, זײן פרוי; שעהן, יונג און זעהר א האסטיגע נאטור.

(עס איז זעהר שפעט, פון אבענד. — די סצענע שטעלט פאר א פארלאר אין א הויז אויס'ן שטאדט. פון בײדע זײטען צימער זײנען דא טהירען, אין דער װאנד געגענאיבער דעם ארקעסטער איז דא א קאמין, אין װעלכען עס ברענט א פײער. דערבײ שטעהען צװײ לעהנשטוהלען. איבער'ן קאמין שטעהט א װאנד־זײגער, װעלכער װײזט אויף 11. און א זײט אין צימער איז דא א טיש, אויף װעלכען מען זעהט א װײן־פלאש, עטליכע גלעזער און א גרויסע פלאש מיט װאסער).

---

לינא (מיט א שטיק אויסנעהערײ אין דער האנד. זי ארבײט זעהר אונגעדולדיג, קוקענדיג אלע װײלע אויפ'ן זײגער): עלף! און ער איז נאך ניטא! (ס'הערען זיך טריט דרויסען) אהא! ענדליך קומט ער!

עמיל (קומט ארײן און װיל איהר קושען).

לינא (איהם אבשטופענדיג פון זיך): לאז מיך צו רוה, הערסטו? אויס מחותנים!

עמיל (פערװאונדערט): אבער...

לינא: דאס האסטו זיך גענומען אזא פיהר װי עס זעהט אויס!

עמיל (זעצט זיך אװעק און נעהמט א צײטונג).

לינא: אזוי! אה, דאס איז װירקליך גוט! דו שטעלסט זיך פאר, אז איך האב אויף דיר גע־װארט דעם גאנצען אבענד און איצט װען דו ביזט ענדליך געװען אזוי גוט, אזוי פרײנדליך, אזוי ליעבהארציג צו קומען אהײם, האב איך קײן אנדער זאך ניט צו טהאן װי צו זיצען און זיך צו לאבען מיט דײן שעהנער צורה ארײנגערוקט אין א צײטונג!

עמיל (װיל אויפשטעהן).

לינא: דו בלײב נור זיצען! לאז זיך נור ניט שטערען! ביזט ארומגעלאפען א גאנצען טאג און דארפסט נאטירליך זיך אברוהען.

עמיל (װיל רעדען).

לינא (האסטיג): מיר טהוט נור לײד, װאס איך האב אויף דיר געװארט ביז צװעלף א זײגער בײ נאכט... װאס קוקסטו אויף די אוהר? זי קריכט אין א שטונדע, מינדעסטענס...

עמיל (נעהמט ארויס זײן טאשענאוהר).

לינא: װאס מאכט דיר אויס װי שפעט עס איז? צװעלף, אײנס, צװײ, דרײ א זײגער — דיר איז דאך אלץ אײנס, אזוי לאנג װי דו לעבסט א גוטען טאג... שטיל! ער רעדט נאך! א װײב! װאס איז א װײב! זי זיצט און װארט, און קװארט, און דארט און בלענט זיך אויס די אויגען קוקענדיג צי געהט ניט איהר ליעבהארצי־גער מאן... דאך עפעס א געבורטסטאג, א פרוי'ס געבורטסטאג, א געליעבטע פרוי'ס געבורטסטאג! לאז זי זיצען אין קאלײשע! לאז זי װארטען!

עמיל (שמײכעלט).

לינא: אי, ביזטו שעהן װען דו מאכסט א שמײכעלדיגע מינעלע! א מחיה, כלעבען! דאס איז װאהרשײנליך דערזעלבינער שמײכעלע, װעלכען דו האסט אויפ'ן װעג נעגעבען דײן פרײ־לין ראזענקראנץ... װאס מאכסטו אזא רחמנות־פנים'ל? אה, איך קען דיך, װאלט איך דיך אזוי ניט געקענט, װי איך קען דיך, — גלויב מיר!

עמיל (שאקעלט מיט'ן קאפ).

לינא: דו לײקענסט! ארויסגעװארפענע ארבײט, מײן ליעבסטער! מיך װעסטו ניט נא־רען. איך קען איהר אויף די פארשײנדעלע דײנע....

עמיל (װיל ארײנרעדען).

לינא: דו דארפסט גאר ניט זאגען! איך װײס אלע דײנע היפאקריטישע תירוצים. דער־צעהל נור מעשות! נאטירליך, דו ביזט געװען בײ א פערזאמלונג, בײ א װיכטיגע פערזאמלונג, בײ א זעהר זעהר װיכטיגע פערזאמלונג! צו מײן געבורטסטאג דארף זיך נאטירליך מאכען א זעהר װיכטיגע פערזאמלונג.

עמיל (זעהט אויס אמוזירט).

לינא: אה, געװיס, געװיס! דאס איז א שפאס בײ דיר, א געטליכער שפאס! װאס קען זײן אמוזאנטער װי צו ערגערען א װײב? מאכען פערגעניגען מאכט מען אנדערע, א שװארץ־יאהר א מײדעל ערגעץ אנדערשװאו! פרײלײן ראזענ־קראנץ מיט איהרע לעדערנע ליפען, מיט איהר קאסאקען בליק, מיט איהר שעהן־חנ'עװדיג גע־לעכטערעל איז געװיס אינטערעסאנטער װי איך... װאס לאכסטו אה, די אונפערשעהמטע פערזאן! זי האט נאך נעכטען געהאט די חוצפה צו קומען מיט א בעזוך צו מיר! איך װײס ניט װאס איהר פאטער טראכט זיך! צו געבען א מײדעל אזוי פיעל פרײהײט! און דו! װאס הארט דיר װאס די גאנצע שטאדט רעדט! אדער מײנסטו אפשר אז קײנער זעהט ניט װי דו קלעבסט צו ראזענ־

זעלבסט פערשטענדליך דארף די פראגע ניט אינטערעסירען די אידישע רבנים: מען קען זיין א גאנץ פרומער איד און זיין א א כשר'ע בהמה.

אונזערע אריסטאָקראטען, אונזערע כלל־טהוער קוקען מיט צופיעל פעראכטונג אויף דעם אידישען ארבייטער.

ניט זיי אינטערעסירט דער קולטורעלער צושטאנד פון דעם אידישען ארבייטער. פערקעהרט, יע פינסטערער די מאסע איז, דעסטאָ העלער שיינען זיי, דעסטאָ מעהר זעהט מען זייער גרויסקייט...

מיט רעכט וואָלט מען געקענט פערלאנגען פון די סאָציאַליסטען פון אלע ריכטונגען אז זיי זאָלען זיך אינטערעסירען מיט דער פראגע, האלטען זיי אָבער פאר זייער הויפט־אויפגאבע זייער ספעציעלען אידעאַל צו פראָפּאַגאנדירען, און אזוי ווי עס זיינען נאָך פאראן גענוג ניט בעקעהרטע, פאָלגליך בלייבט פאר זיי אימער ארבייט פאר זייער ספעציעלען אידעאל און זיי קענען זיך ניט בעשעפטיגען מיט אלגעמיינער קולטור ארבייט פאר'ן אידישען ארבייטער.

ווער, אלזאָ, זאָל זיך אינטערעסירען מיט'ן אָרעמען קולטורעלען צושטאנד פון אידישען ארבייטער, אויב ניט דער אידישער ארבייטער אליין?

פונקט ווי קיינער קען ניט העלפען דעם ארבייטער ווען עס האנדעלט זיך אום זיין קאמפף ווענען זיין שטיקעל ברויט, אויסער ער אליין, אזוי מוז אויך געשעהן, ווען עס האנדעלט זיך אום זיינע אינטעלעקטועלע און גייסטיגע בעדירפניסע.

„אם אין קמח אין תורה" און פערקעהרט: אז עס איז קיין תורה ניטאָ, קיין וויסען, קיין פערשטאנד קאָן אויך קיין קמח, קיין ברויט ניט זיין. דער ארבייטער מוז זאָרגען פארביידע: צו האָבען א בכבוד'יג שטיקעל ברויט מוז ער האָבען א שטארקע יוניאָן, — זיין יוניאָן, און צו זיין קולטורעל ענטוויקעלט, צו זיין א מענש מיט מענשען גלייך אין אינטעלעקטועלען זין, מוז ער האָבען אן איינענע סקול, אן ארבייטער שולע, א אידישע ארבייטער שולע, צו בילדען דעם אידישען ארבייטער. א שולע, אן איינענע, וועלכע זאָל זיין צוגעפּאסט צו די אומשטענדען, צוגעפּאסט צו די בעדירפניסע און צושטאנד פון אידישען ארבייטער.

און אָט וואָס איך שלאָג פאָר:

זאָל יעדער לאָקאַל פון די אינטערנייטשאָנאַל ערוועהלען 2 פערזאָן, דיעזע ערוועהלטע זאָלען צוזאמענשטעלען מיט זיך די עדיוקיישאָנאַל קאָמיטע פון שטאָדט. דיעזע קאָמיטע זאָל אונאויפהערליך ארבייטען צו בילדען די מעמבערס. — זיי סיסטעמאַטיש בילדען. א סקול, אָדער סקולס זאָלען געגרינדעט ווערען, וואו מען זאָל לערנען יעדען מעמבער ער זאָל וויסען, דאָס וואָס יעדער מענש מוז וויסען און וואָס יעדער מענש מוז קענען.

עס מוז אונבעדינגט אין יעדער יוניאָן זיין אן עדיוקיישאָנאַל קאָמיטע, וועלכע זאָל בעשטעהן פון די בעסטע, פון די פעהיגסטע מעמבערס, וועלכע זאָלען אונערמיעדליך ארבייטען פאר איין צוועק: בילדען די מעמבערס, צו לערנען זיי, ווי קינדער אויב מען דארף. איך מיין ניט חלילה קיין לעקטשורס איבער דארוויניזמוס, דאָס וועט שוין די בני שלום זעלבסטבילדונגס פעראיין טהאָן; איך מיין פשוט, לערנען די שפּראַך, אידיש אָדער ענגליש — אָדער ביידע.

זיי לערנען די ערשטע כללים פון אריטמעטיק, און די אלע אנדערע נעגענשטענדע פון עלעמענטארע וויסענשאַפטען, וואָס מען לערענט אין די עלעמענטארע שוהלען.

נאטירליך דארף די לעהרע געגעבען ווערען אזוי, אז עס זאָל זיין צוגעפּאסט פאר ערוואקסענע קינדער.

אָט די ארבייט מוז יעדע יוניאָן אויף זיך נעהמען. אידישע יוניאָנס מוזען דאָס טהאָן, ווייל דער אידישער ארבייטער האָט קיין סקול ניט און זיין אונגעוויסענהייט איז פערגלייכניסמעסיג גרעסער, ווי די פון דעם ניט־אידישען ארבייטער, וועלכער, ווי וועניג, האָט דאָך גענאָסען פון די סיסטעמאַטישע בילדונג וועלכע מען קריגט אין די פּאָבליק סקולס.

# קולטורעלע ארבײט אין די אידישע טרײד יוניאנס

פון י. ראזען

---

צװישען די פיעלע אורזאכען פון דעם שװאכען צושטאנד פון די אידישע יוניאנס, מוז מען אויך צװײפעל רעכענען פאר אײנע פון די װיכטיגסטע — די אונװיסענהײט פון א גרויסער צאהל פון די אידישע ארבײטער.

שוין ניט רעדענדיג פון דער גרויסער צאהל אידישע ארבײטער, װאס קענען זײער נאמען ניט אונטערשרײבען און קענען אבזאלוט גאר ניט לעזען, נור אפילו די מעהר גליקליכע, װעלכע האבען װי־עס־איז זיך אלײן אויסגעלערענט צו לעזען א אידיש װארט, אפילו דער סארט ארבײטער, זאג איך, ניט האבענדיג בעזוכט קײן עלעמענטארע שולע, איז אויך װײט, גאנץ װײט פון װיסען.

טויזענדע אידישע ארבײטער לעזען, אבער זײ פערשטעהען ניט גוט װאס זײ לעזען, אויסער פילײכט א לײכטע שטיקעל נײעס.

װעהרענד דער ניט־אידישער ארבײטער האט בעזוכט א סקול, װאו מען האט איהם ערקלערט װאס הײסט הויפטװארט, צײטװארט און אײגענשאפטסװארט, װאו מען האט איהם אדײנגעקלאפט װי־עס־איז אין מוח, װאס הײסט אן אבסטראקט נאון, װאס הײסט א קאממא, א פונקט אדער א פראגע־צײכען, האט זעלטען װער פון די אידישע ארבײטער גענאט די געלעגענהײט די גרויסע תורה צו לערנען און, פאלגליך, פערשטעהט ער קײן מאל ניט דײטליך אירגענד װאס עס איז געשריעבען אין א העכערען זין, אויסער אן אײנפאכע נײעס װעגען א שריפה אדער א מארד.

דאס איז אויך דער סוד װאס אידישע זשורנאלען מיט טענדענצען פון אויפקלעהרונג פיהרען א געמאטערטען לעבען אדער זײ שטארבען אין די װיקעלעך.

לעקטשורס איבער דארװיניזם, ענטשטעהונג פון רעליגיאנען, אנארכיזם א. ז. װ., א. ז. װ. װערען געהאלטען איבעראל, אבער עלעמענטארע לעהרע װעגען דעם אנפאנג פון א שפראכע, אידיש אדער ענגליש, אביסעל כעמיע, געאגראפיע, א קלײן ביסעלע היסטאריע, עלעמענטארע לעהרען װאס יעדער מענש מוז װיסען, דיעזע לעהרען האט מען פערנאכלעסיגט, מיט דער אויסנאהמע פון די „קרוזשקי" פון „בונד", װעלכע האבען געטהאן ניצליכע ארבײט אין דיעזער הינזיכט.

ניט פערשטעהענדיג גענוי דאס געדרוקטע װארט אין זײן מוטער־שפראך, אין אידיש, קען דער אידישער ארבײטער ניט לעזען אירגענד װאס עס איז געשריעבען מיט'ן צװעק איהם צו לערנען און צו מאכען איהם פאר א בעסערען מענשען, פאר א קולטור־מענשען.

װען א מענש לעזט ניט דאס גאנצע יאהר, קען איהם װעניג װאס העלפען די פאר לעקטשורס װאס ער הערט איבער די דערמאנטע טהעמאס.

איך האב אמאל געשיקט א רעכנונג צו אן אײדזשענט פון „פארװערטס" אין קאנטרי, װעמען די דארטיגע סעקציאן האט אויסערװעהלט פאר'ן פערטרעטער.

איך האב ערהאלטען פון איהם א בריעף מיט אויפפאלענדע פונקטען, אונגעפעהר בזה הלשון:

„איך פערשטעה ניט אײער חשבון... איהר פאדערט צופיעל געלד..."

איך האב איהם אויפגעפאדערט ער זאל מיר ערקלעהרען װאס ער מײנט מיט די פינטעלעך.

„גאר ניט!" האט ער מיר געענטפערט, „װאס זײט איהר בײז? איך האב געשריעבען טאצקעס, װי מען שרײבט אין רוסלאנד".

א איד װאס האט זיך אנגעהערט מיט לעקטשורס איבער דברים העומדים ברומו של עולם, איבער פערשיעדענע פילאזאפיען, האט פערשטאנען אז אין רוסלאנד שרײבט מען מיט טאצקעס...

איך קען ברענגען פיעלע בײשפיעלע פון ארבײטער, װאס זײנען בעלעזען אין אידיש, נאר אײנפאך דערפאר װײל זײ האבען קײן עלעמענטארע לעהרע ניט גענאסען, האבען זײ אפטמאל פערשטאנען אנדערש דעם שרײבער אדער גאר ניט פערשטאנען... א פשיטא שוין אז פאר דער גרויסער מאסע איז דאס געדרוקטע װארט, דאס ערנסטע געדרוקטע װארט, װי א ספר החתום.

װעמען דארף דאס אינטערעסירען?

װאָס די קלענערע אָרגאַניזאַציאָנען האָבען געקענט בעװײזען אלס א מעגליכקײט, דאָס װאָלט די אידישע געװערקשאַפטען געװיס געקענט בעװײזען אױפצוטהון. װי געזאָגט, װעגען דער נױטװענדיגקײט פון אן אלגעמײנע טרײד־יוניאָן צײטונג צװײפעלט דאָך שױן הײנט קײנער ניט. װאָס עס פעהלט איז אביסעלע א שטאַרקערער אונטערנעהמונגס־גײסט.

לאָמיר האָפען אין זײן קומען! טהוענדיג דערװײלע אונזער פפליכט צו די טרײד־יוניאָן צײטשריפטען װאָס מיר האָבען.

*

ביז א געװיסען גראַד איז יעדע צײטשריפט פעראַנטװאָרטליך פיר די אדװערטײזמענטס װעלכע זי דרוקט.

א צײטונג אָדער א זשורנאַל װאָס דרוקט אדװערטײזמענטס, קען נאַטירליך ניט מאַכען קײן טיפע אונטערזוכונגען אױסצוגעפינען צי די פירמע װעלכע אדװערטײזט אין איהרע שפאַלטען איז ערליך אין אלע איהרע האַנדלונגען. די צײטשריפט קען אױך ניט מאַכען קײן גענױע אונטערזוכונג, צי די סחורה װאָס װערט אדװערטײזט איז װערטה דאָס געלד און װעט ברענגען די נוצען װאָס דער אדװערטײזער זאָגט צו.

דאָס אלעס מעג זיך זײן אמת, אבער נור ביז א געװיסען גראַד. אלע ערליכע צײטונגען האָבען אנערקענט, דאָס װען א ביזנעס איז פון א צװײפעלהאַפטען כאַראַקטער, װערט זי פון ערליכע, ערנסטע צײטונגען ניט אדװערטײזט.

*

מיר װילען דאָ יעצט ניט ארײנגעהן אין דער פראַגע, צי די ניו יאָרק „טײמס" אָדער „קאָלליער'ס װיקלי" װאָלטען געדרוקט די פּעטענט מעדיצין אדװערטײזמענטס װאָס װערען געדרוקט אין אונזער טעגליכער ראַדיקאַלער פרעסע. מיר דענקען אז ניט. אבער װאָס אונז אינטערעסירט אַם שטאַרקסטען יעצט איז די אדװערטײזמענטס פון דער אמעריקאַן טאַבעקאָ קאָמפּאַני, װאָס מיר האָבען לעצטענס געזעהען אין „פּאַרװערטס", „פרײע ארבײטער שטימע" און אין די אנדערע ראַדיקאַלע צײטונגען.

װען א צײטונג דרוקט אדװערטײזמענטס פון פירמען װאָס זײנען ניט אָרגאַניזירט, אָדער זײנען זאָגאַר פײנדליך צו דער יוניאָן בעװעגונג, דאַן קען דאָס פערגעבען װערען, װײל די ליסטע זײ אױסצושליסען װאָלט געװען צו לאַנג און די האַנדלונג צו קאָמפּליצירט. אן ארבײטער צײטונג, װען זי קען זיך אנדערש ניט העלפען, מעג דאַרום אדװערטײזען ניט־יוניאָן װאָארע. גאַנץ אנדערש דאַרף אבער זײן די שטעלונג פון אן ארבײטער־צײטונג, װען די פירמע אָדער דער פּראָדוקט איז אָפיציעל באָיקאָטירט פון דער **אמעריקען פעדערײשאַן אװ לײבאָר.**

*

ניט גאָר לאַנג צוריק האָט דער „פאָרװערטס" אדװערטײזט די באָיקאָטירטע פּראָדוקטען פון דער נײשאָנאַל ביסקיט קאָמפּאַני. די אידישע בעקער יוניאָנס און די אידישע געװערקשאַפטען האָבען דאָס פערשװיגען — װאָרום װײסען מיר ניט. יעצט, װען די אָפיציעל באָיקאָטירטע אמעריקאַן טאָבעקאָ קאָמפּאַני אדװערטײזט זיך אין די סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע צײטונגען, האָבען מיר גערעכענט, אז די אידישע סיגאַרעט מײקערס יוניאָן, אָדער די אידישע געװערקשאַפטען, װעט פּראָטעסטירען — אבער נײן, זײ שװײגען! װאָרום?

װי געזאָגט, דאָ איז ניט קײן פראַגע פון אדװערטײזען ניט־יוניאָן װאָארע. דאָ איז די פראַגע פון אדװערטײזען באָיקאָטירטע װאָארע. דאָ איז ניט קײן פראַגע פון אדװערטײזען א פירמע װעלכע איז פײנדליך צו א יוניאָן, דאָ האַנדעלט זיך פון אדװערטײזען א פירמע, װאָס איז באָיקאָטירט פון דער אמעריקען פעדערײשאַן אװ לײבאָר.

װאָרום האָט די דירעקט בעטרעפענדע יוניאָן געשװיגען? װי קומט עס װאָס די אידישע געװערקשאַפטען װײס ניט, דאָס די אמעריקאַן טאָבעקאָ קאָמפּאַני איז אױף דער אָנפעיר ליסט פון דער אמעריקאַן פעדערײשאַן אװ לײבאָר?

---

אן אײרישמאַן און א נעגער האָבען צװישען זיך געהאַט א דיספּוט װעגען דעם, װער פון זײ עס קען אױסשטעהן מעהר קלעפּ. זײ האָבען אָבגעמאַכט אז זײ זאָלען זיך „פּײטען", און דער װאָס װעט זיך פיהלען אז עס הױבען איהם אָן אױסצוגעהן די כחות, זאָל אױסשרײען „סאַפּישענט" (גענוג). א לאַנגע צײט האָבען זײ אײנער דעם אנדערען געבראָכען די בײנער. „סאַפּישענט"! האָט ענדליך דער אירלענדער אױסגעשריען.

— דו טײװועל! — האָט דער נעגער געזאָגט — איך האָב דאָס געװאָלט אױסשרײען מיט א פערטעל שטונדע צוריק, נור איך האָב זיך ניט געקענט דערמאָנען דעם װאָרט.

דער סטרייק־גייסט, דער גייסט פון ווידערשטאַנד פון דער זייט פון די ארבייטער, האָט גענוג טיעף אריינגעדרונגען, און דיעזער גייסט וועט זיך אין פערשיעדענע פאָרמען אויסדריקען און ייעט לאַנג לעבען. און ווען דיעזער גייסט לעבט, ווער קען זיך געגען אונז שטעלען, אָנקוקען אונז אין די אויגען און זאָגען: „איהר האָט פערלאָרען"?

ווען נאָך 15 וואָכען סטרייק, שטימען 124 צו געהען צוריק צו דער ארבייט, ווילט איהר אונז זאָגען אז מיר שטעהען שלעכט? —

פריינד, בעדענקט זיך!

*

אָנפאַנג סעפּטעמבער האָבען מיר געהאַט דאָס פערגניגען צו זעהען, אז דער „אידישער בעקער", דער וועכענטליכער אָרגאַן פון די אידישע בעקער־ארבייטער, האָט דערלעבט זיין ערשטען יאהרעספּעסט־נומער.

נאָך צעהנדליגע יאָהרען פון דורכפעלע און ענטטוישונגען, זעהען מיר פאַר די לעצטע צוויי יאהר דעם אָנפאַנג פון א נייע עפּאָכע אין דער אידישער ארבייטער בעוועגונג. טרייד יוניאָנס — דער פונדאמענט פון א געזונדע ארבייטער־בעוועגונג פערמעהרען זיך אין צאָהל און אין מיטגליעדער, און די טרייד־יוניאָן בעוועגונג פאַנגט אָן צו ווערען געאַכטעט און אנערקענט.

איינע פון די צייכענס פון דיזער מאַכט און אנערקענונג איז דער שטרעבען פון די פערשיעדענע גרעסערע יוניאָנס ארויסצוגעבען מאָנאַטליכע אָדער וועכענטליכע „בולעטינס" אָדער צייטונגען. די ערשטע (רעדענדיג וועגען די לעצטע פּאָר יאָהר) איז געוועזן די אינטערנײשאַנאַל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן מיט איהר מאָנאַטשריפט „דער וועקער" און יעצט דעם „לײדיס גאַרמענט וואָרקער". דאַן זיינען געקומען די קלאָוק און סקוירט מייקערס יוניאָנס מיט „די נייע פּאָסט", דאַן די אידישע בעקער לאָקאַלס מיט זייער וועכענטליכען אָרגאַן „די בעקער צייטונג", די פּאָריער יוניאָן מיט איהר מאָנאַטליכען בולעטין, און יעצט זעהען מיר פאַר זיך די ווידער־ערשיינונג פון אן אָפיציעלען אָרגאַן ארויסגעגעבען פון דער קלאָטה העט און קעפּמייקערס יוניאָן. טרייד־יוניאָן צייטשריפטען פערמעהרען זיך, די אידישע ארבייטער, אָרגאַניזירט אין די טרייד־יוניאָנס פיהלען, אז די ראַדיקאַלע פרעסע מיט איהר גאַנצער פריינדליכקייט און אָפטע שטיצע צו די טרייד־יוניאָנס, איז נאָך אַלעמען ניט קיין טרייד יוניאָן פּרעסע, אין דעם זינען פון צו ווידמען זייער גאַנצען אינהאַלט צו דיעזער בעוועגונג, די טרייד־יוניאָן בעוועגונג איז פאַר יענע צייטונגען א „ביי זאַך" — די הויפּטזאַך איז ביי זיי זייערע פּאָליטישע פּאַרטייען און סעקציאָנען, פאַר וועמען זיי האָבען אייגענטליך אָנגעהויבען צו ערשיינען.

דער „אידישער בעקער" ווידמעט זיין גאַנצען אינהאַלט דער טרייד יוניאָן בעוועגונג אין אַלגעמיין, און ספּעציעל די צושטענדע און די קעמפּפע אין דער בעקער טרייד, און אַלס אַזעלכע איז די צייטונג פון גרויס וויכטיגקייט פאַר דער יוניאָן־בעוועגונג.

דער „אידישער בעקער" איז זעהר פּראָגרעסיוו און פּאָלקאָם סאָציאַליסטיש, ווען ער בעהאַנדעלט אַלגעמיינע סאָציאַל־פּאָליטישע פראַגען, און אַלס אַזעלכער טהוט די רעדאַקציאָן פון בעקער זעהר פיעל אין העלפען ברענגען אן ענגערע פערבינדונג צווישען די טרייד־יוניאָנס און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי.

*

ווי מיר הערען פון פערשיעדענע קוועלען, וואָלט מען זעהר שטאַרק געשטיצט די אידישע געווערקשאַפטען, אָדער אן אַסאָסיאיישען — ווען אַזאַ זאָל זיך גרינדען — ארויסצוגעבען אן אַלגעמיינע וועכענטליכע צייטונג, געווידמעט די אַלגעמיינע טרייד־יוניאָן־בעוועגונג. „דער אידישער בעקער", „דער לײדיס גאַרמענט וואָרקער" און „די נייע פּאָסט" האָבען איבערצייגט די „נייע" טרייד־יוניאָניסטען, אז עס איז דאָ פיעל וואָס צו לערנען, פיעל וואָס צו שרייבען וועגען דיזער בעוועגונג, און דאָס אָהן א צייטונג בלייבט א סך גוטעס וועגען דער יוניאָן־בעוועגונג ניט געלערנט און ניט געטהאָן.

עס איז גאָר קיין פראַגע ניט, אז די געלדזייט פון דער אונטערנעהמונג איז דאָ די קלענסטע שוועריגקייט. ראַדיקאַלע זשורנאַליסטען וואָלט אויך ניט געפעהלט. וואָס עס פעהלט יאָ אום צו מאַכען אן אַלגעמיינע טרייד־יוניאָן צייטונג אין ניו יאָרק פאַר א ווירקליכקייט איז, אז די דעלעגאַטען פון די אידישע געווערקשאַפטען זאָלען האָבען דעם קוראַזש צו האַנדלען אביסעלע דרייסטער, און זיך נעהמען צו דער ארבייט צו שאַפען דאָס, אין וואָס יעדער אַקטיווער יוניאָנמאַן פיהלט די נויטווענדיגקייט.

# נאָטיצען

פיר די לעצטע פאָר מאָנאט האָבען מיר אין דיעזע נאָטיצען, דעם קלאָוקמייקער סטרייק אין קליװלאַנד דערמאָנט צום ערשטען און מיר טהוען דאָס אויך היינט.

דער סטרייק אין קליװלאַנד װעט װי עס שיינט נאָך לאַנג דויערן.

אין מיטען פון דעם פערגאַנגענעם מאָנאט האָבען די באָסעס װיעדער פערברייטעט קלאַנגען, אז די ארבייטער — די סטרייקערס זיינען אונגערן צו סטרייקען, און װילען זיך צוריקקעהרען צו דער ארבייט.

מיר האָבען געװאוסט אז דאָס איז א בלאָף, און האָבען מיט א רוהיגען געמיטה בעשטימט, אז די סטרייקערס זאָלען שטימען דורך א סעקרעט־באַלאָט, צי זיי װילען צוריקגעהען צו דער ארבייט. יעדער סטרייקער האָט דעם 11טען סעפּטעמבער בעקומען צװיי צעטעלעך — אויף איין צעטעלע איז געװען געדרוקט די װערטער „יא סטרייקען", אויף דער אנדער צעטעלע איז געװען געדרוקט „ניט סטרייקען". נאָהענט פון 3000 סטרייקערס האָבען אנטהייל גענומען אין דעם בעלאָט.

רעזולטאַט? —

124 האָבען געשטימט אויפצוגעבען דעם סטרייק!

און ערך א טויזענד האָבען זיך גאָר אין גאַנצען ענטזאגט צו שטימען. „מיר האָבען אונזער שטימע אָבגעגעבען מיט פּופּצעהן װאָכען צוריק, און מיר זיינען היינט מיט דעם זעלבען מיינונג װאָס דאַמאָלסט" — האָבען די טויזענד געענטפערט.

װער קען אַלזאָ אזא מאַסע בעזיעגען?

קיינער ניט!

*

װאָס די ענדע פון דעם סטרייק זאָל ניט זיין, די עהרע פון דעם קאַמפּף רוהט שוין היינט אויף די קעפּ און שולטערן פון די ארבייטער.

מאָראַליש האָבען די קליװלענדער מאַנופעקטשורערס שוין לאַנג באַנקראָטירט, זייער פינאַנציעלער באַנקראָט איז לעצטענס אריינגעטראָטען מיטביידע פיס צו א פּאָר פון זיי, און זייערע ביזנעס זיינען אין די הענד פון „רעסיװערס". דער „טערן" פון די אנדערע באָסעס, איז ניט גאַנץ װייט.

*

נאָך אזוי לאַנג סטרייקען, נאָך אזעלכע אָפּפער, נאָך אזא רייכער שטיצע פון דער אינטערנייִשאָנאַל, װען קען זאָגען אז מיר שטעהען שלעכט אין דיעזען קאַמפּף? מיר שטעהען זעהר גוט. זעהר גוט, װען מיר בעדענקען זיך, װי טהייער אונזערע פיינדע אין קליװלאַנד האָבען בעצאָהלט, און װי טהייער אונזערע פיינדע אין אנדערע שטעדט װעלען מוזען בעצאָהלען, פיהרענדיג מיט אונז א קאַמפּף.

די ניו יאָרקער באָסעס אין דער קלאָוק און סקוירט מאַכער טרייד, האָבען אויך טהייער בעצאָהלט, װעלענדיג אונז בעזיעגען, זיי פערשטעהען די זאַך היינט א סך בעסער, װי מיט א יאהר צוריק. היינט זעהען זיי אז פריעדען מיט די ארבייטער, פריעדען געבויט אויף עהרליכע האַנדלונג, איז א סך א בעסערער געשעפט, װי קריעג, און די מורא פאַר קריעג.

די קליװלענדער באָסעס, װעלכע פיהרען מיט אונז אזא פערצװייפעלטען קריעג, אויך זיי װעלען קליגער װערען, אין א יאָהר פון היינט.

*

מיר האָבען דעם פערגאַנגענעם מאָנאט געזאָגט, אז װען א באָס בעשליסט ביי זיך בעסער רואינירט צו װערען, — אלעס צו פערליערען, נור ניט נאָכצוגעבען זיינע ארבייטער, דאַן קען איהם קיין יוניאָן אין דער װעלט ניט צװינגען דאָס ער מוז גראָדע סעטלען. די יוניאָן קען בלויז מאַכען זיין איינגעשפּאַרטקייט זעהר קאָסטבאַר. דעם פּונקט האָבען מיר ערדייכט. מיר האָבען אויך ערדייכט דעם צושטאַנד דאָס די אַלטע איינפיהרעכטצען, די אַלטע „רעזשים" אין דער קליװלאַנדער קלאָוק טרייד איז שוין א זאַך דער פערגאַנגענהייט, איז שוין צובראָכען און טויט. דער סטרייק װעט מיט זיך ברענגען א נייע עפּאָכע אין דער ליידיס גארמענט טרייד. דער אייפלוס פון אזא סטרייק ווי מיר פיהרען יעצט אין קליװלאַנד, קען ניט פערגעסען װערען.

פרעזידענט ראזענבערג בעריכטעט, דאס, ער האט אײנשטימפטע פון טאראנטא קענעדע, דאס דער סטרײק בײ גארדאן־מאקײ'ס, האט זיך געענדיגט מיט א זיעג פאר דער יוניאן.

װײס־פרעזידענט דובינסקי, קלײנמאן און אמעדור בעריכטען, דאס זײ זײנען בײ א פרײ־טעגען מיטינג פון דער דז. ע. ב. געװען ער־שטױנט אלס קאמיטע אויסצוגלײכען געװיסע שטרײטיגקײטען, װעגען דעם פאך בײ װעלכען די מעמבערס פון לאקאל 17 זײנען בעשעפטיגט. די קאמיטע האט בעזוכט זעקס שעפער, אין אײנע פון די זעקס שעפער האט מען געארבײט [illegible], אין די אנדערע האט מען גענעהט קלאוקס, די װײטערע נאכזוכונג איז אויפגעגעבען געװארען, צוליעב דעם, װאס די קאמיטע איז געװען פערנומען װעגען דעם סטרײק אין קליװ־לאנד. די דז. ע. ב. בעשליסט אז די קאמיטע זאל װײטער פארטזעצען איהר אונטערזוכונג.

פרעזידענט ראזענבערג װערט בעפאלמעכ־טיגט, אנצושטעלען אלע ארגאנײזערס פיר דער צײט, ביז דעם נעקסטען מיטינג אין שיקאגא, װײט װי עס איז פריהער געװען בעשטימט.

•

---

## לײדיעס טײלארס און דרעסמײקערס פון בראנזװיל האבען א בעדײטענדען זיעג.

---

אנפאנג אויגוסט האבען אונזערע מעמבערס פון לאקאל 72, לײדיעס טײלארס און דרעס־מײקערס פון בראנזװיל און איסט ניו יארק, בעשלאסען צו שטעלען פאדערונגען צו זײערע באסעס.

די פאדערונגען זײנען הויפטזעכליך בע־שטאנען אין דעם, אז די ארבײטס־שטונדען זא־לען פערקלענערט װערען פון 53 אויף 50 א װאך, און אװער־טײם זאל געצאהלט װערען דאפעלט.

די פראגען װעגען אנערקענונג פון דער יוניאן און אנדערע רעכטע, האט שוין דער לאקאל געהאט פון פריהער אויסגעקעמפפט.

אין בראנזװיל זײנען קײן גאנץ גרויסע בא־סעס ניטא און אין גאנצען געגענד װערען בע־שעפטיגט אן ערך 250 ארבײטער און אלע זײנען ארגאניזירט. די מעמבערס פון לאקאל 72 הא־בען דורך זײער פאדערונג פאר א קירצערע אר־בײטס־װאך געװאלט געװינען א קורצען אר־בײטס־טאג שבת. שבת האבען זײ געװאלט אר־בײטען ביז 1 אוהר אנשטאט ביז פינף. און די אײניגע מעמבערס װאס ארבײטען זונטאג, הא־בען אויך געװאלט האבען א גאנצען האלבען טאג רוה דעם זונטאגדיגען טאג.

די באסעס, קלײן װי זײ זײנען, האבען זײ צוערשט געהאט איגנארירט דעם לעטער, װעל־כען לאקאל 72 האט זײ ארײנגעשיקט, געבענדיג זײ נאטים װעגען דער יוניאנס פאדערונגען.

זעהענדיג אז די באסעס ענטפערען ניט, און א טהײל פון זײ האבען זיך זאגאר פעראײניגט אין אן אסאסיאײשאן צו בעקעמפפען די יוניאן, האט דער לאקאל בעשלאסען ארויסצונעהמען די מיטגליעדער אין סטרײק.

אין א װאך צײט האבען שוין אײניגע בא־סעס געהאט געסעטעלט. אויף דער צװײטער װאך זײנען געקומען נאך באסעס און האבען אונטערשריבען דעם אגרימענט, און די 3טע װאך האט שוין געזעהן די ענדע פון סטרײק. אלע באסעס האבען נאכגעגעבען די פאדערונגען פון דער יוניאן צו ארבײטען שבת נור ביז 1 אוהר און צו צאהלען דאפעלט פאר אװער־טײם.

די באסעס, בײ װעמען לאקאל 72 האט גע־פיהרט דעם סטרײק זײנען פון דעם סארט, װאס זײערע קאסטאמערס זײנען מײסטענס די פרויען פון קלענערע ביזנעס־לײט און פון ארבײטער. װען די באסעס האבען ערקלעהרט אז דער אר־בײטען שבת ביז 1 אוהר קען זײ מאכען צו פער־לירען זײערע קאסטאמער, און דאס װען ניט די קאסטאמער װאלטען זײ נאכגעגעבען די פאדע־רונגען פון די ארבײטער, דאן האט זיך לאקאל 72 גענומען צום פובליקום, און דורך א רײהע פערזאמלונגען אין די סטריטען פון בראנזװיל און איסט ניו יארק, און דורך דעם פערטהײלען פון פיעלע טויזענדער ליפלעטס איז דאס פובלי־קום געװארען אזוי סימפאטיש צו די פאדערונגען פון די ארבײטער, אז די באסעס האבען גענומען לײדען ניט נור פון די פיקעטס, נור אויך פון דעם אלגעמײנעם פובליקום. די באסעס האבען אײנ־געזעהן אז זײ האבען אלעמען נעגען זיך און הא־בען געזוכט פריעדען. אונזערע ברידער און שװעסטער פון לאקאל 72 האבען אלזא יעצט א 50־שטונדיגע ארבײטס־װאך, האבען א גוטען פרײז פיר אװער־טײם און אײניגע אנדערע פער־בעסערונגען אלס א רעזולטאט פון זײער אײניג־קײט און פון זײער קאמפף.

די אינטערנײשאנאל יוניאן איז אין דיעזען סטרײק געװען פערטראטען דורך גענ. שאול עלשטײן, און פיעל עס איז נור געװען נױטיג האט ער אונז מיטגעהאלפען.

מיט גרוס,

**מ. דײװיס,**
**ביזנעס אײדזשענט, לאקאל 72.**

---

## אן אלטע געשיכטע.

פון י ח י.

---

בחור, מײדעל,
מאדנע חאלד...
װעלדעל, קושעבץ,
„צוקער", „גאלד".
תנאים, חופה,
סעודה, בעט.
קינדער, קריעגעבטס,
רב, און גט.

יוניאָן שעפּער, ווי עס איז ביז אַ געוויסען גראַד פאַרגעקומען אין דער קלאָוק טרייד.

איך בין איינינע מאָל פאַרגעקומען פאַר דער עקזעקוטיוו און פאַר די מעמבערס פון לאָקאל 10, פאָדערענדיג אז דער לאָקאל זאָל אָרגאַניזירען אַלע ארבייטער, אונגעאַכטעט ווי ניעדעריג ס'איז זייער לאָגע. איך האָב ניט בעקומען קיין צופריעדענשטעלענדען ענטפער.

איך וואָלט שטאַרק געראַטהען די דז. ע. ב. ענטוועדער צו פּראָבירען גרינדען בעזונדערע לאָקאלס פון די קאטערס אין דער וויסט, דרעס און אַנדערוועער טריידס, אָדער מעגליך מאַכען, אז די קאטערס פון די דערמאָנטע טריידס, זאָלען זיך אָנשליסען אָן די אָפּערייטאָר לאָקאלס, וועלכע עקזיסטירען שוין.

ס'איז דאָ נאָך אַ פּונקט, וועלכען איך וואָלט וועלען בעטאָנען אין דער פראגע, און דאָס איז דער: די לאָקאלס 25, 39, 41, 50 און 62 בעשטעהען מעהרסטענס פון יונגע מיידלעך, און איך גלויב, ס'איז ניט נויטיג פאַר מיר אייך פיעל צו זאָגען, וועגען „פּרויען יוניאָנס", איך גלויב דארום, אז ווען אונז זאָל געלינגען דורך אַ געוויסען וועג, אריינצוברענגען אין די יוניאָנס אַ גרעסערע צאָהל מענער, דאָן וואָלט דאָס צו די דערמאָנטע יוניאָנס, צוגעגעבען נייע קרעפטען, און די קאטערס גופא וואָלטען געוויס ניט געהאַט ווענינער בענעפיט, פון דער ארט אָרגאַניזאַציאָן, ווי זיי קענען ערווארטען צו האָבען פון לאָקאל 10, וועלכער מוז נאַטירליכערווייזע מייסטענס געמענעדזשד ווערען פון קלאָוק און סוט קאטערס.

צום שלוס וואָלט איך נאָך רעקאָמענדירט, אז צוליעב די אנגעגעבענע גרינדע, (אין אָנפאַנג פון מיין בעריכט) זאָל דער דזשענעראַל אָפיס אין גאַנצען איבערנעהמען די פפליכטען פון דעם ניו יאָרק סיטי דיסטריקט קאָונסיל און טהאָן די ארבייט ווי פריהער, ווען דער ד. ק. האָט פאַר אַ צייט ניט עקזיסטירט.

מיין מיינונג איז, אז ווען די ניו יאָרק מעמבערס פון דער דז. ע. ב. זאָלען מיטען איין מאָל אַ מאָנאַט, און אויפנעהמען צו בעטראַכטען די פערלאַנגען און די פּראָבלעמען, פון אונזערע לאָקאלס אין גרייטער ניו יאָרק, וואָלט אזא מיטינג געבראַכט מעהר נוצען ווי די מיטינגען פון דיסטריקט קאָונסיל.

די מעמבערס פון דער דז. ע. ב. וואָלטען מיט זיך פאַרגעשטעלט מעהר ערפאַהרונג און מעהר אויטאָריטעט, ווי די דעלעגאטען פון דיסטריקט קאָונסיל, און אויף אזא ארט וואָלטען די אינטערעסען פון די לאָקאלס בעסער געדיענט געוואָרען.

ברידערליך אייערער

שאול עלשטיין,

סעק דיסטריקט קאָונסיל.

## אַלגעמיינע בעשליסע.

דער פערלאַנג פון די קלאָוק באָטענהאָל מייקערס פון בראָנזוויל, אז מען זאָל זיי געבען אַ טשאַרטער פיר אַ בעזונדערען לאָקאל, איז געוואָרען איבערגעגעבען צו אַ קאָמיטע, בעשטעהענד פון ברודער ראָזענבערג, גרינבערגער און קליינמאַן.

אַ קאָמיטע איז ערוועהלט געוואָרען צו פערהאַנדלען מיט לאָקאל 10, וועגען גרינדען אַ „מיסעלעניוס" סעקשאַן פון ליידיס גארמענט קאַטערס, אין ניו יאָרק סיטי.

דער פערלאַנג פון לאָקאל 20 ריינקאָוט מייקערס, פאַר הילפע, אום בעסער צו אָרגאַניזירען זייער טרייד, איז געוואָרען איבערגעגעבען צו בר. ראָזענבערג.

דער פאָרשלאַג פון לאָקאל 2 פילאַדעלפיא קלאָוק און סקוירט מייקערס, דאָס אַלע טרעזשורים פון אונזערע לאָקאלס, זאָלען געטעקסט ווערען מיט 75 פּראָצענט פיר דעם בענעפיט פון קליוולענדער קלאָוק סטרייק, איז ניט אָנגענומען געוואָרען.

אַ פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען צו אַפּעלירען צו דער אמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר, פיר אַ קרעדענשעל צו איהרע אָנגעשלאָסענע לאָקאלס.

בעשלאָסען צו בעטען מיס פּאולינע ניומאַן צו פאָהרען נאָך שיקאַגאָ, און מיס ראָוז שניידערמאַן נאָך סענט לואיז און אין די וועסטערן שטעדט, צו קאָלעקטען געלד פיר'ן קליוולענדער סטרייק. פעהיגע מענשען פון צווישען די סטרייקערס זאָלען געשיקט ווערען נאָך ניו יאָרק צו קאָלעקטען געלד ביי ספּעציעל פערופענע שאַפּמיטינגען.

דער פערלאַנג פון לאָקאל 62 פיר דער גוטהייסונג פיר אַ דזשענעראַל סטרייק, ווערט דיסקוטירט, און די גוטהייסונג ווערט אָבגעלעגט ביז דאָן ווען דער סטרייק אין קליוולאַנד וועט זיין געענדיגט.

וויס־פּרעזידענט זיטאָשקין און קליינמאַן ווערען אַפּאָינטעד אַלס אַ קאָמיטע, צו זעהען ווי דער דיסטריקט קאָונסיל פון ניו יאָרק ארבייט.

צו דזשענעראַל סעקרעטער דייש, ווערט איבערגעגעבען די פּאָלמאַכט צו שיקען פון צייט צו צייט עקספּערט אַקאָונטענטס, איבערצוזעהען די ביכער פון אונזערע לאָקאלס, און צו ווייזען די סעקרעטערע ווי די לאָקאלע ביכער דאַרפען געפיהרט ווערען.

פאַרגעלעזען דעם ערשטען צושריפט פון דער אמעריקען פעדערייישאָן אָוו לייבאָר, אין בעצוג דעם שיקען דעלעגאַטען צום נעקסטען יעהרליכען קאָנווענשאָן. דז. ע. ב. בעשליסט צו שיקען די פולע צאָהל דעלעגאַטען צו וועלכע אונזער אינטערנייישאָנאל איז בערעכטיט.

די ברידער פּאָלאַקאָוו, קליינמאַן און דובינסקי ווערען ערוועהלט אַלס די עקסטרא דעלעגאַטען.

אין די ארבייטס־שטונדען די לענגסטע, וועלכע לײדיס גארמענט װארקערס האבען אין ניו יארק סיטי. אין ניו יארק זיינען די ארבייט־שטונדען 55 און 56 א וואך, און אין ברוקלין גרייכען זיי פון 58 ביז 60 א וואך.

די ווהייט גודס ווארקערס זיינען געקומען אין יוניאן פאדערענדיג א דזשענעראל סטרייק אין זייער טרייד. און וואס שטארקער עס האט זיך געלאזט הערען די פראגע וועגען א דזשענעראל סטרייק, אלץ לייכטער איז עס געווארען צו קריגען מעמבערס.

מיט דער מיטהילפע פון דער וואומענס טרייד יוניאן ליגע איז געמאכט געווארען אן אונטערזוכונג אין די ארבייטס־צושטענדע פון די ווהייט גודס שעפער. די אונטערזוכונג איז געמאכט געווארען אויף אזא ארט, אז די אויסקינפטע האט מען געקראגען פון די באסעס, און די געקראגענע אויסקינפטע, האט מען שפעטער פערגליכען מיט דעם, וואס די ארבייטען האבען געהאט צו זאגען.

דער רעפארט איז פון גרויס וויכטיגקייט און וועט זיין פון גרויסען נוצען ווען די יוניאן וועט דארפען געברויכען די אויסקינפטע.

די צאהל ארבייטער אין דער טרייד קען מען רעכענען צו זיין אן ערך 12,000. די גרויסע מעהרצאהל זיינען אידישע מיידלעך. די צווייטע אין צאהל זיינען אמעריקאנער מיידלעך, און די דריטע אין צאהל זיינען איטאליענער. די אמעריקאנער מיידלעך מאכען די בעסטע ליין ארבייט, און קריגען פערגלייכבאר גוט בעצאהלט. די ערגסטע בעצאהלטע זיינען די אידישע און די איטאליענישע מיידלעך, וועלכע מאכען דעם מיטעלען, און דעם פראסטען ליין ארבייט.

אלע זיינען דער מיינונג אז נור א דזשענעראל סטרייק וועט זיין ווירקזאם צו ענדערען די צושטענדע אין דער טרייד, צו גונסטען די ארבייטער. אלע פיהלען זיך זיכער, אז די ארבייטער וואלטען פערלאזען די שעפער ביי דעם ערשטען רוף, וועלכען די יוניאן וואלט נור ארויסגעלאזען צו סטרייקען.

די אנדערוועאר און ווהייט גודס טרייד האט ניט געהאט קיין בעדייטענדען סטרייק, פיר די לעצטע 20 יאהר. אין מאנאט מאי, איז די אגיטאציאן צווישען די ווהייט גודס ארבייטער געווען זעהר שטארק. מען האט איבעראל גערעכענט אז א דזשענעראל סטרייק וועט ווערען ארויסגערופען אין די נעקסטע פאר וואכען. די באסעס אין דער טרייד האבען זיך אויף דעם גערעכנט, ניט וועניגער ווי די ארבייטער, און פיעלע פון די באסעס האבען זיך אויסגעשפראכען דאס זיי זיינען צופריעדען צו סעטלען מיט דער יוניאן, אזוי גיך ווי די יוניאן וועט שטעלען גלייכע פאדערונגען, צו אלע מאנופעקטשורערס אין דער טרייד. די בעסטע צייט צו רופען א סטרייק פון די ארבייטער וואלט געווען ענדע סעפטעמבער.

דורך דער צייט וואס איך בין מיט'ן דיסטריקט קאונסיל איז מיר אויך אויסגעקומען צו העלפען לאקאל 50 און לאקאל 72 פיהרען זייערע סטרייקס פיר א קירצערען ארבייטסטאג, רעדוצירענדיג זייערע שטונדען פון 54 צו 50 א וואך. ספעציעלע אויפמערקזאמקייט האב איך אויך געשענקט צו לאקאל 41 און לאקאל 54. דער לעצטער לאקאל נויטיגט זיך אין ספעציעלע ארגאניזאציאנס ארבייט.

וואס אנבעלאנגט לאקאל 41, ראפער און קימאנא מייקערס, הערשט ביי פיעלע א מיינונג, אז דער טרייד געהט אונטער, און עס לוינט זיך ניט פערווענדען קיין קרעפטען, פיר לאקאלס פון דעם פאך. דיעזער בעגריף איז אונבעגרינדעט. דער טרייד ברייטעט זיך אויס, און האט לעצטענס אריינגענומען א נייע ליין, וועלכע איז בעקאנט אין דער טרייד אלס „הויז דרעסעס". די מאנופעקטשורערס פון ראפערס און קימאנעס, האבען גענומען מאכען די הויז־דרעסעס, און די ארבייטער אין דער טרייד ווערען ניט וועניגער, נור מעהרער.

וואס אנבעלאנגט די קאנטראקטארס, וועלכע האבען א מאל געמאכט נור ראפערס און קימאנעס, זעהען זיי יעצט אויך צו מאכען הויז־דרעסעס און מיסעס און טשילדרען דרעסעס: אויף אזא אופן בעשעפטיגען זיי היינט א גרויסע צאהל ארבייטער.

לאקאל 41 האט ארגאניזירט דעם טרייד אין ברוקלין און ספעציעל אין בראנזוויל. און ווען דער לאקאל זאל צוגעהאלפען ווערען דורך דער אינטערנעשאנאל, וואלט דער לאקאל 41 געקענט טהאן גוטע ארבייט אין ניו יארק סיטי.

לאקאל 54 איז אין אן ארימען צושטאנד. דער לאקאל צעהלט א גאנץ קליינע צאהל מעמבערס, וועלכע זיינען נאך דערצו אונטהעטיג. דער לאקאל פערלאנגט פון דזשענעראל אפיס אן ארגאנייזער פאר א פאר מאנאט.

לאקאל 20 ריין קאוט מייקערס איז ניט אזוי שטארק היינט, ווי מיט א יאהר צוריק. די שלעכטע מענעדזשמענט באלד נאכ'ן סטרייק, און א שלעכטע צייט אין דער טרייד, האבען דעם לאקאל אבגעשוואכט. יעצט שיינט דאס, אז עס געהט דעם לאקאל צו בעסער.

לאקאל נומ. 10, אמאלגאמייטעד לײדיס גארמענט קאטערס, האבען א ברייטע פעלד צו ארבייטען, אבער דער לאקאל איז ניט גערן צו ארגאניזירען די (שלעכט בעצאהלטע) קאטערס אין דער וועיסט, דרעס און מוזלין אנדערוועאר טרייד.

אין די פאכען זיינען בעשעפטיגט אן ערך צוויי טויזענד קאטערס און העלפערס. צוליעב דעם וואס זייערע ארבייטס־שטונדען, און זייערע וויידזשעס, זיינען פיעל נידעריגער ווי דער אנערקענטער מאסשטאב פון לאקאל 10, וויל דער לאקאל ניט אונטערנעהמען די ארבייט פון ארגאניזירען זיי, אום די נייע ארגאניזירטע ארבייטער זאלען שפעטער אלס יוניאן לייט, ניט ארויסווארפען די בעסער בעצאהלטע ארבייטער, פון די

אונזער אינטערנײשאנאל, אײדער אין דעם נאָמען פון דיסטריקט קאָונסיל. איך האָב דאָס געפונען פאר ראטהזאמער אזוי צו טהאָן, װײל װען איך בין צוריקגעקומען אין ניו יאָרק אין נאָװעמבער 1910, האָב איך געפונען אז די אלטע מיספערשטענדניסע, די אלטע פאָראורטהײלע װעגען אינטערנײשאָנאל יוניאָנס, זײנען נאָך גאנץ שטארק פערברײטעט צװישען אונזערע מעמבערס. איך האָב דארום פרובירט אין אלע מײנע געשפרעכען, און אין מײן גאנצער ארבײט, צו ערקלערען די פּראָבלעמען פון דער טרײד יוניאָן בעװעגונג, און צו לערנען אונזערע מעמבערס װי אזוי אָם בעסטען צו פיהרען אן ארבײטער אָרגאניזאציאָן.

איך גלויב אז יעצט הערשט אין אונזערע לאָקאלס א פיעל בעסערע מײנונג װעגען אינטערנײשאָנאל יוניאָנס, װי דאָס איז פון זײ בעגריפען געװאָרען אין דער פערגאנגענהײט.

דורך דער דערמאָנטער צײט האָב איך זיך פיעל אָבגעגעבען מיט לאָקאל 25 און לאָקאל 62. אין אָנפאנג פון דעם יאהר האָט זיך לאָקאל 25 געפונען אין א פערלעגענהײט, ניט קענענדיג בענײען זײערע אגרימענטס מיט די מעהרסטע באָסעס, װאָס האָבען געהאט מיט דער יוניאָן בעסעטעלט דורך דעם סטרײק אין 1910. לאָקאל 25 האָט אויך געהאט געליטען פון א געװיסע „לײזקײט" אין דער אינערער מענעדזשמענט פון דעם לאָקאל.

א קאָנפערענץ איז געװאָרען אײנבערופען פון פערטרעטער פון פערשידענע קערפּערשאפטען, און דיעזער קאָנפערענץ האָט אין א היבשער מאָס צוגעהאָלפען דעם לאָקאל, אריבערצוקומען די טראָבעלס, פון בענײען די אגרימענטס. װעגען די אינערע מענעדזשמענט פון דעם לאָקאל, האָט מען גערעכענט דאָס צו פערבעסערען דורך א פּלאן װעגען „רעאָרגאניזאציאָן" װעלכען איך האָב אויסגעארבײט.

דיזער פּלאן איז צוערשט געװאָרען פאָרגעלעגט פיר א ספּעשעל קאָמיטע פונ׳ם קאָנפערענץ, און זײ האָבען דעם פּלאן אָנגענומען. שפּעטער איז דער פּלאן געװאָרען אָנגענומען בײ דער עקזעקוטיװ פון לאָקאל 25, און דאן בײ די מעמבערס פון דעם לאָקאל, די לעצטע האָבען דיסקוטירט און אָנגענומען דעם פּלאן בײ ספּעשעל מיטינגען. לײדער האָט די עקזעקוטיװ פון לאָקאל 25 ביז הײנט אינגאָרירט איהר אײגענעם בעשלוס, און דעם בעשלוס פון די מעמבערס, און ביז הײנט איז נאָך דער פּלאן ניט געװאָרען דורכגעפיהרט. דער לאָקאל האָט ביז הײנט (סעפּט. 1טען) ניט געהאט קײן רעגעלע מיטינגען און קײן עלעקשאָן האָט ניט שטאטגעפונען. זעקס מאָנאט נאָכדעם װי דער פּלאן פון רעאָרגאניזירונג איז געװאָרען אָנגענומען. איך װיל נאָך צו דעם בעמערקען, אז די מעמבערמיטינגען פון לאָקאל 25 זײנען דעם יאהר געװען זעניג אין צאָהל, און אונרעגעלמעסיג אין צײט.

אָנפאנג יאהר האָט זיך לאָקאל 62 (אָנדערװער און װײט גודס װאָרקערס) געפונען אין א זעהר קריטישע לאגע. דער לאָקאל האָט געהאלטען בײם צופאלען, אין דער זעלבער לאגע האָט זיך געפונען לאָקאל 39 פעטיקאָט מײקערס, און לאָקאל 70 ניו יאָרק מיסעס און טשילדרען דרעסמײקערס.

בײ דעם יאנואר מיטינג פון דער דז. ע. ב. איז מיס ראָוז סנײדערמאַן, אײנע פון אונזערע בעסטע מיטארבײטער ערשיענען אלס קאָמיטע פון לאָקאל 62 און פערלאנגט אז די אינטערנײשאָנאל זאָל אונטערנעהמען ספּעציעלע אָרגאניזאציאָנס־ארבײט אין דער װײט גודס טרײד.

די דז. ע. ב. האָט דאן בעװיליגט 500 דאָלאר, פיר אגיטאציאָנס־צװעקען פיר די קלענערע לאָקאלס, ספּעציעל פיר דעם בענעפיט פון לאָקאל 39, 62 און 70.

די ארבײט האָט געדארפט געלײטעט װערען פון דיסטריקט קאָונסיל. זאָ גיך מען האָט אָנגעפאנגען ארײנדרינגען צװישען די ארבײטער פון די טרײדס, האָב איך בעמערקט אז דער אָברוף פון די *מיסעס און טשילדרען דרעסמײקערס* איז כמעט װי גאָר ניט צו מערקען. דער אָברוף פון די פעטיקאָוט מײקערס איז געװען זעהר א שװאכער, און די װײט גודס װאָרקערס האָבען באלד גענומען ארויסװײזען א שטארקע אינטערעסע אין זײער יוניאָן. מען האָט זיך דארום קאָנצענטרירט ארום די װײט גודס װאָרקערס.

אן אָפיס איז געװאָרען אָנגעדונגען פיר לאָקאל 39 און 62, און אן עקטיװער מעמבער פון לאָקאל 39 איז אָנגעשטעלט געװאָרען אלס ביזנעס אײדזשענט, פיר די צװײ לאָקאלס. לאָקאל 39 איז ביז הײנט געבליבען מיט די זעלבע קרעפטען, װאָס אין אָנפאנג יאהר, אבער לאָקאל 62 האָט צוגעקראָגען א היבשע פאָר הונדערט מעמבערס, און יעצט האלט די יוניאָן אן איהר אײגענעם אָפיס, און ביזנעס אײדזשענט, פיהרט שאָפּ סטרײקס און טהוט אלע ארבײט פיר דאָס װאָהל און בעסטען פון דעם טרײד.

פון די 500 דאָלאר האָבען די פאָלגענדע פיער זאכען געקאָסט 415 דאָלאר.

| | |
|---|---|
| סאלערי א. דלוגין, 14 װאָכען צו 18 ד. — | $252— |
| אָפיס רענט, דרײ מאָנאט | 58 |
| 2 מאס־מיטינגס אין קלינטאָן האָל, רענט | 30 |
| אײן מאס־מיטינג אין קופּער יוניאָן, רענט | 75 |
| צוזאמען — | $415 |

די אנדערע 85 דאָלאר איז אװעק פיר אדװערטײזמענטס, ליפלעטס, קארדס פיר שאָפּמיטינגען א. ד. ג.

די װײט גודס ארבײטער ארבײטען אונטער די ערגסטע קאָנדישאָנס אין דער ליידיס גארמענט טרײד. װײדזשעס זײנען די קלענסטע,

**רעפּאָרט פונ'ם דיסטריקט קאָונסיל צו די דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד א. ל. ג. וו. י.**

ברידער!

אין איבערגעבען אייך א קורצען בעריכט וועגען די ארבייט פונ'ם דיסטריקט קאָונסיל, וויל איך באַלד בעמערקען, דאָס, די אומשטענדען זיינען געווען אזעלכע, דאָס דער רעפּאָרט פון קאָונסיל וועט מוזען זיין א רעפּאָרט פון מיין אייגענער ארבייט, צווישען אונזערע לאָקאַלס פון גרייטער ניו יאָרק. דער רעפּאָרט ענטהאַלט מיינע פּערזענליכע איינדריקע וועגען די צושטענדע, אין וועלכע אונזערע לאָקאַלס געפינען זיך.

אונזערע לאָקאַלס אין גרייטער ניו יאָרק, געפינען זיך אין א מאָדנער לאַגע אין בעצוג דער נויטהווענדיגקייט פיר א דיסטריקט קאָונסיל. צום ביישפּיעל לאָקאַל 1, 9, 10, 11, 17, 23, 25, 64 און 68 — ניין פון אונזערע גרעסטע לאָקאַלס, האָבען זיך אימער געפונען אין די נאָהענטסטע פערבינדונגען מיט דער דזשאָינט באָארד, פון דער קלאָוק און סקוירט טרייד, און די לאָקאַלס זיינען איצט אַנגעשלאָסען אַן דער דזשאָינט באָארד, פאַר זיי איז אַלזאָ דער דיסטריקט קאָונסיל ניט קיין נויטווענדיגקייט.

פון צייט צו צייט שיקען די לאָקאַלס דעלעגאַטען, אבער אזוי ווי די דעלעגאַטען ווערען ערוועהלט פון די עקזעקוטיוועס, זשאַלעווען די עקזעקוטיוועס צו שיקען דעם בעסערען עלעמענט פון זייער מיטע. ס'פערשטעהט זיך, אז דיעזער צושטאַנד פיהרט צו א גלייכגילטיגקייט צו פאָדערען בעריכטען ביי זייערע דעלעגאַטען, וועגען די פערהאַנדלונגען פון דעם קאָונסיל. די ביים צאָהלונג איז אויך אונרעגעלמעסיג. דאָס איז אַלזאָ די שטעלונג פון ניין לאָקאַלס פון די 17, וועלכע מיר האָבען אין גרייטער ניו יאָרק.

די לאָקאַלס 20, 25, 38, 39, 41, 54, 62 און 72 זיינען רעפּרעזענטירט ביי די מיטינגען, אבער אויך זייערע דעלעגאַטען אטענדען ניט רעגעלמעסיג און צאָהלען אונרעגעלמעסיג זייערע ביי־טרעגע. פון די דערמאָנטע לאָקאַלס זיינען דאָ אזעלכע ווי לאָקאַל 41, 50 און 72 וועמענס העדקוואָרטערס איז אין בראָנזוויל, און דאָס פערורזאַכט אז דער אטענדען די מיטינגען פונ'ם קאָונסיל, זאָל די דעלעגאַטען פון די לאָקאַלס קאָסטען זעהר פיעל צייט, אין פאָהרען היין און צוריק. נאַטירליך מאַכט דאָס שווער פאַר די לאָקאַלס, צו געפינען דעלעגאַטען וואָס זאָלען רעגעלמעסיג אטענדען די מיטינגען.

די איינקונפט פון די מעהרסטע פון די דערמאָנטע לאָקאַלס איז אויך ניט איבעריג גרויס, און דעם צאָהלען דיוס דעם קאָונסיל, איז פאַר זיי צייטענווייז א צו גרויסער טעקס. דאָס אַלעס האָט געפיהרט צו דעם, אז די מיטינגען פון דעם ד. ק. זאָלען זיין שוואַך בעזוכט.

ביי א פּאָר מיטינגען פון ד. ק. איז די לאַגע פון דער קערפּערשאַפט דיסקוטירט געוואָרען, און די אנוועזענדע דעלעגאַטען זיינען געווען מיט דעם זעלבען מיינונג ווי איך האָב דאָ ערשט בעשריעבען.

אין א שטאָדט וואו עס געפינט זיך א בעדייטענדע דזשאָינט באָארד, און וואו עס געפינען זיך די הויפט בעאַמטע פון דער אינטערנייש־נאַל יוניאָן, צו וועמען די לאָקאַלס קענען זיך באַלד ווענדען פאַר א ראַטה, אין אזא שטאָדט, ווערט דער דיסטריקט קאָונסיל אוננויטיג, איבערהויפּט ווען זיינע פונקציאָנען זיינען ניט גענוי בעשטימט. דאָרט וואו די אויבענדערמאָנ־טע קרעפטען זיינען ניטאָ, וואָלט א דיסטריקט קאָונסיל געווען א גרויסע נויטווענדיגקייט.

מיין אייגענע ארבייט אלס סעקרעטער פון ד. ק. איז ניט געוואָרען פאַרגעשריבען פון דער קערפּערשאַפט, און איך האָב פון דער קערפּער־שאַפט בעקראָגען גאַנץ ווועניג אינסטרוקציאָנען.

איך האָב אימער געטהאָן מיין ארבייט, לויט ווי איך האָב געפונען פאַר ראַטהזאַם. יעדער וואָך האָב איך בעריכטעט וועגען מיין ארבייט אויף די אָפיציעלע בלענקס (פיר אָרגאַנייזערס), און יעדע צוויי וואָכען האָב איך אבגעגעבען א בעריכט צום דיסטריקט קאָונסיל מיטינג.

פון צייט צו צייט האָב איך מיך בעראַטהען מיט פּרעזידענט ראָזענבערג, דזשענ. סעק. דייש, און מיט עקטיווע מעמבערס פון אונזערע לאָקאַלע יוניאָנס. דורך די אונטעררעדונגען האָב איך בעקומען וויכטיגע עצות וועגען מיין ארבייט. ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אזעלכע לאָקאַלס ווי וועגען לאָקאַל 25 און 62, וואו די מעהרסטע מעמבערס זיינען פרויען, האָב איך מיר אויך צייטענווייז בעראַטהען מיט די פּרעזידענטין און סעקרעטערין פון דער וואָמענס טרייד יוניאָן ליעג.

באַלד פון אָנפאַנג האָב איך אָנגענומען, אז מיין ארבייט בעשטעהט אין דעם, דאָס איך ברויך וויזיטען די לאָקאַלע מעמבער מיטינגען, עקזעקוטיוו מיטינגען, קאָנפערענצען און מאַס־מיטינגען, וועלכע אונזערע לאָקאַלס האַלטען אָב אלס טהייל פון זייערע רעגעלע אָדער ספּעציעלע ביזנעס־פיהרונג. די פערזאַמלונגען האָב איך בעזוכט, און אנטהייל גענומען אין זייערע פער־האַנדלונגען, אזוי גוט ווי איך האָב פערשטאַנען. די ארבייט פון בעזוכען אונזערע לאָקאַלס האָב איך דורכגעפיהרט, יעדען אבענד אין וואָך, פיר די לעצטע 10 מאָנאַט וואָס איך בין צוריק אין ניו יאָרק.

אויף דעם פערלאַנג פון פּרעזידענט ראָזענ־בערג און סעקרעטער דייש, האָב איך צו געוויסע צייטען בעזוכט פילאַדעלפיא, באָסטאָן, באַלטי־מאָר, אָלבאַני, טראָי, נוארק און ניו הייווען. איך האָב אויף פערבראַכט א היבשע צייט פיר'ן „ליידיס גאַרמענט וואָרקער".

ווען איך האָב בעזוכט אונזערע לאָקאַלע יוניאָנס, האָב איך אימער געפונען פון גרעסע־רען נוצען, צו רעדען צו זיי אין דעם נאָמען פון

טינקייט פאַר מורא, אז די יוניאָן וועט זיי ניט קענען פערהיטען אין פאַל פון טראָבעל.

די עקטיווע מעמבערס און די מעמבערס פון דער יוניאָנס עקזעקוטיוו באָארד, זיינען דארום דער מיינונג, אז דער איינציגער מיטעל צוריק אויפצוהייבען דעם צוטרויען פון די מעמבער צו דער יוניאָן, איז אָנצופאַנגען א בעוועגונג פיר א דזשענעראל *סטרייק*.

בר. באראָף האָט זיך אויסגעשפּראָכען, אז ער איז זיכער, דאָס אויב מען וועט ניט אָנווענדען מיטלען פאַר א גרויסע ענדערונג צו שאַפען א בעסערען צושטאנד, דאן וועט אויסקומען צו פערליערען זאָגאר די שעפער, וועלכע די יוניאָן האָט היינט.

ווען די מאַיאָריטעט ארבייטער אין דער טרייד האָבען פערלאָרען זייער גלויבען אינ'ם לאָקאל 25, האָבען זיי אָבער דאָך ניט פערלאָרען זייער גלויבען אין טרייד־יוניאָניזמוס. באראָף זאָגט דארום, אז ער גלויבט שטארק אין דעם, אז ווען די אינטערנײשאָנאל לײדיס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן, זאָל שטיצען די בעוועגונג פיר אן אלגעמיינעם סטרייק, וואָלטען זיך די ארבייטער פון דער ווייסט טרייד אָבגערופען.

לויט דעם מיינונג פון דער קאָמיטע וואָלט דער רוף פיר א דזשענעראל סטרייק יעצט, געהאט א בעסערען ערפאָלג, ווי מיט צוויי יאהר צוריק, ווייל דאן זיינען די קאטערס ניט געווען אפילירט מיט דער אינטערנײשאָנאל, וועהרענד היינט זיינען זיי אונזערער א לאָקאל.

## פערלאנג פיר אן אלגעמיינעם סטרייק פון לײדיס טיילאָרס.

ברודער ראָזמאן, איז פאָרגעקומען פיר דער דז. ע. ב. אלס פערטרעטער פון לאָקאל 38 לײדיס טיילאָרס ניו יאָרק.

דער לאָקאל פערלאנגט די גוטהייסונג פיר אן אלגעמיינעם סטרייק, פיר דער פאָדערונג פון אן 48 שטונדיגע ארבייטס־וואָך, פיר א מינימום וויידזש פון 26 דאָלאר, פיר דאָבעל בעצאָהלט פיר אָווערטיים, פיר ליגעל האָלידיים און פיר אנדערע קלענערע פונקטען.

מר. וואלטער ה. בארטאָלמיו, דער סעקרעטער פון די „מערטשאנט סאָסייעטי אָוו לײדיס טיילאָרס און דרעסמייקערס" (באָסעס אסאָסיאיישען) האָט ערקלערט פיר דער דז. ע. ב. דאָס לאָקאל 38 וועט קענען דורכקומען מיט די מעמבערס פון זיין אסאָסיאיישען אין בעצוג דעם נייען אגרימענט. אָבער אזוי ווי לאָקאל 38 האָט געשיקט דעם אגרימענט צו די באָסעס וואָס האָבען נאָך ניט בעלאנגט צו זייער אסס'ן, זיינען די באָסעס דערווײלע ארייננעלאָפען צו דער אסס'ן, אום זיך צו פערטהיידיגען געגען דער יוניאָן, און די נייע מעמבערס פאָדערען ניט אנדערש, אז מען זאָל אָנפאנגען א קאמפף מיט לאָקאל 38.

ער אָבער (בארטאָלמיו) רעכנט, דאָס אויב די אינטערנײשאָנאל וועט איינשטימען צו געברויכען דעם „פּראָטאָקאָל" פון דער קלאָוק טרייד, אלס באָדען צו בעהאנדלען די פאָדערונגען פון לאָקאל 38, דאן קענען מען אלע פראגען, וואָס האָבען אן עהנליכקייט מיט דער קלאָוק טרייד, איבערגעבען צו ארביטריישאָן, און די פראגען וועגען שטונדען זאָל מען בעשטימען צו ארבייטען א פּאָר שטונדען לענגער, אויף אזא אופן רעכענט ער, קען מען אויסגלייכען די צווייסטינקייטען צווישען *לאָקאל 38* און די אסס'ן.

די דז. ע. ב. האָט אָנגענומען דעם פּראָטאָקאָל אלס מאַסשטאב פיר א סעטלמענט, אויב די אסס'ן וועט איינשטימען איבערצוגעבען אלע פראגען צו ארביטריישאָן. אויסגענומען צו דאָס איז וועגען שאָפ־רולס, ווײדזשעס אָדער וועגען ארבייטס־שטונדען. מר. בארטאָלמיו, האָט צוגעזאָגט פּאָרצולעגען דעם ענטפער פון דער דז. ע. ב. צו זיינע מעמבערס, און באלד לאָזען וויסען זייער ענטפער.

## בעשלוס וועגען לאָקאל 25 ווייסט מייקערס יוניאָן.

די פראגע וועגען לאָקאל 25 איז לאנג בעטראכט געוואָרען און די דז. ע. ב. בעשליסט צו ערלויבען דעם לאָקאל צו אגיטירען פיר א דזשענעראל סטרייק. די דז. ע. ב. בעשטימט דאן די ברידער פּאָלאקאָף, קליינמאן, גרינבערגער, ראָזענבערג און דייש, אלס א קאָמיטע פון 5, וועמעס פליכט ס'זאָל זיין צו בעקומען די מיטהילפע פון לאָקאל 10 און צו לייטען דיזע אגיטאציאָן.

## סיראַקיוז נ. י., נוארק נ. דזש., און טאָלידאָ, אָ.

וועגען דעם צושריפט פון לאָקאל 45 סיראַקיוז נ. י., פערלאנגענדיג פון דער דז. ע. ב. גוטצוהייסען א דזשענעראל סטרייק, הערט די דז. ע. ב. אוים א בעריכט פון וויים פּרעזידענט בר. וויטאשקין, וועלכער האָט צוויי מאָל בעזוכט דעם לאָקאל. נאָך זיין מיינונג איז דער לאָקאל אין א גוטען צושטאנד, און איהרע פאָדערונגען זיינען גאנץ מעסיגע. ער דענקט דארום אז דער לאָקאל וועט ניט האָבען קיין גרויסע שוועריגקייטען, צו געווינען זייערע פאָדערונגען. די דז. ע. ב. בעשליסט דארום צו געבען איהר צושטימינקייט צו דעם פערלאנג פון לאָקאל 45 סיראַקיוז נ. י.

אן עהנליכער פערלאנג פיר א דזשענעראל סטרייק איז אריינגעקומען פון נוארק נ. דז. דער פערלאנג פון דעם לאָקאל 21 איז איבערגעגעבען געוואָרען צו דער זעלבער קאָמיטע, וואָס דער פערלאנג פון לאָקאל 25, די קאָמיטע וועט בעטראכטען די צושטענדע פונ'ם פּלאַץ, און וועט נעהמען די עקשאָן וואָס וועט נויטיג זיין.

די דז. ע. ב. בעשליסט צו שיקען אָרגאנייזער מים דזשאָזעפין קייסי, צו העלפען לאָקאל 67 קלאָוקמייקערס טאָלידאָ, צו אָרגאניזירען דעם טרייד, און ספּעציעל דעם פּאַך פון קלאָוקקאטינג, און אין אלגעמיין אגיטירען צווישען די לײדיס גאַרמענט וואָרקערס פון שטאָדט.

# בעריכט פון דזשענעראל עקזעקוטיװ באארד

דער פינפטער פערטעל־יעהרליכער מיטינג פון דער דזש. עקזעק. באארד, איז אבגעהאלטען געװארען אין יוקליד האטעל קליװלאנד, דען 10טען און 11טען סעפטעמבער 1911.

אנװעזענד זיינען געװעזען: דז. ש. גרינבערגער, י. ש. פייעט, ש. פאלאקאף, ה. קליינמאן, ב. װיטאשקין, מאקס אמדור, מ. הערצבאך און ה. דובינסקי. אבװעזענד: מיס מערי מארטין.

א צושריפט איז געװארען פארגעלעזען פון לאקאל 47 דענװער לײדיס טיילארס. דער לאקאל פערלאנגט פינאנציעלע הילפע אנצופיהרען זייער דזשענעראל סטרייק פאר אן אכט־שטונדען ארבייטסטאג, פיר א יוניאן־שאפ און פיר א מינימום װיידזש פון 24 דאלאר.

די דזש. עקז. באארד בעדויערט דעם פאקט, װאס לאקאל 47 האט דעם סטרייק ארויסגערופען ניט פרעגענדיג די דזש. עקז. באארד און ניט בעקומענדיג איהר צושטימונג פיר דעם. עס װערט דארום בעשלאסען אז קיין פינאנציעלע שטיצע זאל ניט געגעבען װערען, לויט װי דאס איז פערבאטען צו טהון נאך ארטיקעל 10, סעקשאנס 1, 2, 3, 4 און 5 פון אונזער קאנסטיטושאן.

## װעגען טראנספערס.

די דזש. ע. ב. בעטראכט די פראגע װעגען דעם, װאס מאנכע לאקאל יוניאנס ענטזאגען זיך ארויסצוגעבען אדער אנצונעהמען טרענספערס. דער קאמפליין, איבער װעלכען עס איז אויסגעקומען צו האנדלען איז געװעזען דער: דזשייקאב סילװערשטיין, א מעמבער פון לאקאל 10, בעקלאגט זיך דאס זיין לאקאל, די אמאלגאמייטער לײדיס גארמענט קאטערס, ענטזאגט זיך איהם צו געבען א טרענספער צו לאקאל 1 קלאוק־אפרייטארס ניו יארק.

די דז. ע. ב. בעשליסט, דאס אונגעאכטעט דעם פאקט װאס אונזער קאנסטיטוציאן פערפליכטעט יעדען לאקאל ארויסצוגעבען און אויפצונעהמען טרענספערס, ערקלערט די דז. ע. ב. אז דיעזע רעכטע און פליכטען בעציהען זיך נור אויף לאקאלס און מעמבערס פון איין טרייד, ד. ה., פון קאטער לאקאלס צו קאטער לאקאלס, פון קלאוקמאכער לאקאלס צו קלאוקמאכער לאקאלס א. ז. װ. אבער דעם ארויסגעבען אדער אויפנעהמען טדענספערס פון אנדערע פאכען, דאס בלייבט דאס רעכט פון יעדען לאקאל בעזונדער, און די לאקאלס האבען א רעכט צו האנדלען װעגען דעם לויט װי זיי געפינען פאר פאסענד.

## װעגען די לײדיס װייסט מייקער.

א קאמיטע פון די לײדיס װייסט און דרעס מייקערס, לאקאל 25 ניו יארק, איז פארגעקומען פיר דער דז. ע. ב. די קאמיטע איז בעשטאנען פון די ברידער באראף און סילװער. די קאמיטע ציהט די אויפמערקזאמקייט פון דער דז. ע. ב. װעגען די יעצטיגע לאגע פון דעם לאקאל.

בר. באראף גיט איבער אין קורצען די געשיכטע פון דעם לאקאל, דערמאנענדיג דעם גרויסען סטרייק פון אנפאנג 1910. באראף ערקלערט אז די שפעטערע צייט ביז היינט, זיינען די צושטענדע אין דער טרייד ניט געװעזען גינסטיג פיר דער יוניאן, און דאס האט געמאכט אז דער זיעג פון 1910 זאל פיעל פערקלענערט װערען.

די זיעגע פון יענעם סטרייק זיינען מייסטענס געװעזען אין די קלענערע שעפער. אין די גרעסערע שעפער האט מען ענטװעדער געמוזט מאכען א קאמפראמיס מיט די באסעס, אדער זיי אין גאנצען פערלירען.

די רעזולטאטען פון אזא סארט סעטלען איז געװעזען, דאס אלע באסעס האבען באלד נאכ'ן סטרייק גענומען האנדלען אויף אזא ארט און װייזע, אז די יוניאן לייט זיינען ענטװעדער געסעקט געװארען, אדער זיי האבען אליין געמוזט פערלאזען די שעפער.

װידערצושטעהן דיעזע טאקטיק פון די באסעס, האט לאקאל 25 געמוזט האבען סטרייקס. פון דיעזע סטרייקס זיינען מאנכע געװאונען געװארען, און מאנכע זיינען געגאנגען פערלארען. מיט דעם װייטערען רעזולטאט, אז די יוניאן האט גענומען פערלירען שעפער און מעמבערס, װעלכע זי האט אין דזשענעראל סטרייק געהאט צוגעקראגען.

די גרויסע סלעק פונ'ם פערגאנגענעם יאהר, האט געבראכט צו דעם, אז די באסעס האבען לייכט געקענט בעזיעגען די יוניאן. און װען ס'איז געקומען יאנואר 1911, װען די באסעס האבען געדארפט בענייען די אגרימענטס האבען דאס נור א 100 געטהאן. אונטער אזעלכע אומשטענדען האט די יוניאן ניט געקענט קריגען פאר די מעמבערס קיין פיעל בעסערע קאנדישאנס, װי די, װעלכע הערשען אין די ניט־יוניאן שעפער.

די ארבייטער אין דער טרייד, װעלכע נעהמען אן אקטיװען אנטהייל אין יוניאן, װערען פערפאלגט. פיעלע האבען מורא צו קומען צו די מיטינגען. אנדערע גיבען אויף זייער טהע־

קולען, און אז ניט זיי, דאן איז זעלבסטפערשטענדליך די טאכטער דער קרבן.

ניט נאר אין א נויט־פאל איז די ארבייטס־מיידעל געצוואונגען צו טהאן מעהר ווי איהרע ברידער, זי האט איבער דעם נאך צו לײדען פון דער מאדע, וועלכע רויבט פון איהר פרייע צייט יעדע רגע, און מאכט פאר איהר אונמעגליך זיך אבצוגעבען מיט איהר גייסטיגער ענטוויקלונג.

נאך איהר טאג ארבייט אין פאבריק, מוז די ארבייטס־מיידעל אליין אכטונג געבען אויף איהר גארדעראבע: זי מוז וואשען, ביגלען, נעהען, טרימען און טהאן אלעס מעגליכעס פון דער קיינמאל ניט געענדיגטער הויז־שניידעריי.

קומען געסט, דאן איז ווייטער דא ארבייט פאר דער טאכטער!

זי מוז גרייטען און מוז דערלאנגען צום טיש, זי מוז אכטונג געבען אז אין הויז זאל פאר דער צייט זיין אנגענעהם, זי מוז אויך די געסט אמוזירען, צי זי פיהלט אויפגעלעגט פאר דעם אדער ניט. קורץ, די יונגע ארבייטס־פרוי טראגט אויף זיך דעם גאנצען פאק פון די סאציאלע תרי״ג מצוות.

איז די פרוי פערהייראטה, דאן איז זי נאך א מעהר פערנומענע דיענסט. די עפענטליכע מיינונג רעכענט זיך ניט מיט איהר אלס מיט א מענשען. די געזעלשאפט פאדערט פון איהר, זי זאל אלעס טהאן — ארבייטען און לײדען.

אלס ארבייטערין, פערדיענענדיג איהר ברויט אין פעקטארי, האט די ארבייטס־פרוי אריבערצוקומען מאדנע שוועריגקייטען: פון איינער זייט מוז זי טראכטען וועגען קענען איהר פאך, אום צו קענען פערדיענען וואס מעהר, און פון דער אנדער זייט מוז זי אויסקוקען פאר א מאן, וואס זאל איהר פון איהר פאבריק־ארבייט בעפרייען. און דערפאר מערקט זיך אין איהר טהעטיגקייט א געוויסע פלאנלאזיגקייט, עס פעלט איהר דער ווייטער בליק, און דאס טיעפע אריינדרינגען אין איהר איינענער לאגע. עס פעהלט איהר דער שטארקער, אויסדויערענדער קאמפפס־לוסט פון איהר ארבייטס־ברודער, דעם מאן. און אט אלע דיעזע שטערונגען מוז די פרוי אליין פערניכטען, זי אליין מוז צוברעכען די פאראורטהיילס־ברעטער פון דעם געזעלשאפטליכען שייד־וואנט, און אויפהערען צו זוכען דעם מאן אדער דעם גאט, וואס זאל ענדערען איהר מזל. זי מוז אנפאנגען זיך צו פיהלען אלס מענש און קעמפפען פאר איהרע מענשען־רעכטע, ווי איהר ברודער, דער מאן.

פיעל און אונגעהייער גרויס זיינען איהרע שטערונגען. איהר פעהלט דער מעגליכער כוח און זיין אינדוסטריעלע געניטקייט. די געוואוינהייט און די טראדיציאן האבען אין דער פרוי ערצויגען דעם געפיהל פון געדולד און אויסדויער. און דיעזע שוואכקייט פיהלט זיך אויך אין די פרויען יוניאנס, וועלכע זיינען ווייט פון צו זיין שטארק און ווירקזאם.

און אזוי ווי די פרוי מוז אויף דער ארענא פון פראדוקציאן, מיטשפרייזען מיט׳ן מאן און איהם נאכהאלטען טריט ביי טריט, דאן זאל זי כאטש אויסקעמפפען דעם „קאמפפס אומס דאזיין״ מיט א שטאלצען געהויבענעם קאפ, און מיט פעסטע טריט און זיך ערווערבען די זעלבע מעגליכקייטען ווי דער מאן: לויט אלע רעגעלען פון „קאנקורס לויפען״ דארף זי האבען די זעלבע פרייהייט פון בעוועגונג ווי איהר ברודער, און עס איז די פפליכט פון דער עפענטליכער מיינונג איהר צו שטיצען און ערמונטערען אין איהר אנשטרענגונג דאס צו ערדייכען. זאל די ארבייטס־פרוי אדער מיידעל פערבינדען איהרע אינדיווידועלע אינטערעסען מיט די אלגעמיינע אינטערעסען פון דער גאנצער קעמפפענדער מענשהייט, און זי וועט זיכער זיך ערקעמפפען מעהר מענשליכע און נארמאלע לעבענס־בעדינגונגען.

און איך בין זיכער, אז די עפענטליכע מיינונג אין אמעריקא וועט סוף־כל־סוף מוזען אנערקענען איהרע גערעכטע פאדערונגען.

## ער צווייפעלט אליין.

אן אדוואקאט האט אמאל פערטהיידיגט א מאן, וועלכער איז געווען ארעסטירט פאר גנב׳ענען א זייגער, און ער האט איהם אזוי גוט פערטהיידיגט, אז דער מאן איז ארוים פריי.

נאכדעם ווי דער אדוואקאט איז ארוים פון קאורט מיט זיין קליענט, האט איהם דער אדוואקאט אוים נייגירדע געפרעגט ער זאל איהם פערטרויען דעם אמת, צי האט ער טאקע דעם זייגער גע׳גנב׳עט אדער ניט.

— איך וועל אייך זאגען די וואהרהייט, הערר לאיער — האט זיך דער מאן אבגערופען — אז נאכדעם ווי איך האב געהערט אייער פערטהיידיגונגס רעדע, הויב איך אליין אן צו צווייפלען, אויב איך האב דעם זייגער ווירקליך גע׳גנב׳עט.

זאגט דאס צו טהאן. דער פארזיצענדער האט אידם געסטראשעט מיט ארויסווארפען פון האל, און דער אינערע וואכע איז שוין ניט־ווילענדיג געווען גרייט אויסצופיהרען די ארדערס פונ׳ם פארזיצענדען. פאסטער האט זיך דאן אוועקגעזעצט, אבער דער טומעל האט דערווייל אבגעהאלטען די רעגעלע ביזנעס פאר א גאנצע שעה.

„ווען עס איז שטיל געווארען, האט יאהאוקס, פון דער פראנצויזישער אלגעמיינער קאנפערענציאן פון ארבייט, רעפרעזענטירענדיג די פראנצויזישע טרייד־יוניאן בעוועגונג — פארגעשלאגען, אז דונקאן זאל ערקלעהרען זיין שטעלונג צו דער סיוויק פעדערייש׳אן. איוומא, דער צווייטער פראנצויזישער דעלעגאט, האט דעם פארשלאג אונטערשטיצט. די פראנצויזישע דעלעגאטען האבען מיט דעם געוויזען אז זיי פערשטעהען וואס די סיוויק פעדערייש׳אן איז. א לאנגע דיסקוסיאן האט זיך דאן אנגעפאנגען, אין וועלכער עס האבען אנטהייל גענומען לעגין, פון די דייטשע טרייד־יוניאנס; אפעלטאן און א׳־גריידי פון די ענגלישע, און הועבער, פון די עסטרייכישע יוניאנס. זיי האבען פערטהיידיגט דונקאן׳ען וועגען זיין אפיליאירט מיט דער סיוויק פעדערייש׳אן.

„נאך דער מיינונג פון די דערמאנטע דעלעגאטען, זאגט פאסטער, עקזיסטירט די סיוויק פעדערייש׳אן אום צו סטעלען סטרייקס, און אויף אזוי פיעל איז די סיוויק פעדערייש׳אן א פריינד פון די טרייד יוניאנס און ס׳איז א גאנץ פאסענדע זאך, ווען אן ארבייטער פיהרער איז דארט א מיטגליעד.

„דונקאן זעלבסט האט ניט גענומען קיין אנטהייל אין דער דיסקוסיאן, און דער פארשלאג פון די פראנצויזישע דעלעגאטען איז דורכגעפאלען. מעהר ווי די פראנצויזישע דעלעגאטען אליין האבען פאר דעם פארשלאג ניט געשטימט.

„צו ענדע פון דער זיצונג, זאגט פאסטער, האבען מאנכע פון די דעלעגאטען דיסקוטירט די פראגע. לעגין האט דאן בעהויפטעט, דאס עס איז ניטא קיין קריעג צווישען דער ס. פ. און דער סיוויק פעדערייש׳אן. בערגמאן, פון די בעלגישע טרייד־יוניאנס, האט איינגעשטימט מיט לעגין׳ען, צוגעבענדיג, אז די קריעג, אויף וויפיעל זי עקזיסטירט שוין אפילו, איז עס נור צו פערדאנקען דעם איינפלוס פון דעניעל דעליאן (ס. ל. פ.).

דאס זיינען אלזא די בעריכטען פון צוויי סאציאליסטישע צייטונגען.

דער אורטהייל ווייזט נור אן אביסעל מעהר דייטליך די שטעלונג, וועלכע די סאציאליסטישע פארטיי פון אמעריקא דארף אננעהמען צו די טרייד־יוניאנס.

ביז יעצט איז די פארטיי שטעלונג געוועזן פיעל וועניגער בעשטימט ווי עס האט געדארפט צו זיין.

מיר האפען אז די סאציאליסטען פון לאנד וועלען וועגען דעם אורטהייל טיעף נאכדענקען.

# דער שיקזאל פון דער ארבייטס־פרוי

פון גערטרוד בארנום.

איבערזעצט פון א. ל. וואלפסאן.

---

אין אן ארבייטער־פאמיליע ווארפט דער מאן, גאנץ אונבעוואוסט, דעם גרעסטען חלק פון די הויז־לאסט אויף די פלייצעס פון דער שוואכער פרוי.

אז די ערציהונג און אונזערע פאלשע מאראל־בעגריפע האבען פיעל בייגעטראגען צו דיעזען אוננארמאלען צושטאנד, איז זעלבסטפערשטענדליך. פון קינדווייז אן ווערען שוין די געשלעכטער ערצויגען מיט א געגענזייטיגען פאראורטהייל; א אינגעל האט מעהר פרייהייטען ווי א מיידעל; א אינגעל האט דאס רעכט צו ענטוויקלען זיין קערפער מיט פערשיעדענע פרייע בעוועגונגען, וועהרענד דאס מיידעל איז גלייך אין איהר פריהעסטער יוגענד איינגעשנורעוועט אין דעם מאראל־קארסעט פון דער עפענטליכער מיינונג.

עס איז די צארטע מיידעל וועלכע ווערט צוריקגעהאלטען פון סקול, אום צו האלטען דאס קינד, צו העלפען אין דער הויז־ווירטהשאפט, און צו בעדיענען אלעמען אין דער פאמיליע. שפעטער איז עס די טאכטער, וועלכע איז די ערשטע כפרה־היהנדעל, ווען אין דער פאמיליע פאסירט עטוואס אונגעוועהנליכעס. אויב די פאמיליע איז אבהענגיג פון איהרע פערדיענסטען, דאן מוז זי אויפשטעהן פארטאג, צוגרייטען פאר זיך דעם אנבייסען, און לאזען יעדע זאך אין דער בעסטער ארדנונג, און הענדום פענדום לויפען צו דער ארבייט, כדי ניט צו קומען שפעט און ניט צו פערלירען א שעה אדער א טאג פון איהר ארבייטס־צייט, און פאלגליך אויך א טהייל פון איהר קלעגליכען ארבייטס־לוין. נאך א טאג שווערער ארבייט, איילט דיזעלבע שוואכע בעשעפעניס אהיים, גרייט דעם טיש פאר סאפער און דארף נאכ׳ן עסען צוואוואשען די כלים, און אפטמאל נאך שפיעלען די ראלע פון א נוירס. אים פאל ווען ווער עס איז אין הויז ווערט קראנק, און אימיצער מוז זיך מקריב זיין פאר דער בעקוועמליכקייט פון דער פאמיליע, קען עס נאטירליך ניט זיין דער פאטער אדער דער ברודער, וועלכע קריגען א העכערען לוין פאר זייערע מוס־

# די אינדאָסטריאַל וואָרקערס אָוו דהי וואָרלד פאר דעם געריכט פון די אינטערנאציאָנאלע געווערקשאפטען

מיר רעכענען אז די פאָלגענדע צוויי בעריכטען זיינען גענוג בעדייטענד און קלאָהר אַלס ענטפער אויף דער אָפטער בעריהמעריי, אז די אינדאָסטריעל וואָרקערס זיינען די „כשר'ע“ יוניאָנס אין דער ארבייטער בעוועגונג. דאָ האָבען אונזערע לעזער דעם אורטהייל פון דעם העכסטען געריכט אין דער ארבייטער בעוועגונג.

די „אידישע ארבייטער וועלט“, שיקאגאָ, (1טען סעפט.) און די ניו יאָרק „דיילי קאָלל“ פון 5טען סעפטעמבער, גיבען אונז די פאָלגענדע בעריכטען, ווי אזוי די אינדאָסטריעל פראגע איז געאורטהיילט געוואָרען:

„אין דער הויפטשטאָדט פון אונגארן, אין בודאפעסט, איז אין דער צווייטער וואָך פון אויגוסט אָבגעהאלטען געוואָרען די אינטערנאציאָנאלע קאָנפערענץ פון די געווערקשאפטען.

פאר דעם געריכט פון די פערזאָמעלטע פאָרשטעהער פון די געווערקשאפטען פון אלע לענדער, איז אויך פאָרגעבראכט געוואָרען דער גרויסער סטרייט צווישען די צוויי אמעריקאנער געווערקשאפטס אָרגאניזאציאָנען, דער „אמעריקאָן פעדערייזאָן“ און די „אידאָסטריעל וואָרקערס“. דיעזע ביידע אָרגאניזאציאָנען האָבען געשיקט זייערע פערטרעטער און געפאָדערט, אז מען זאָל זיי צולאָזען און אריינגעהמען אין דעם גרויסען וועלט־פערבאנד פון די געווערקשאפטען. פון דער „אמעריקאן פעדערייזאָן“ איז געשיקט געוואָרען וויים־פרעזידענט דאָנקאן, און פון די „אינדאָסטריעל וואָרקערס“ — איינער פאָסטער.

„די פראגע וועגען זייער צולאָזונג איז זעהר לאנג און זעהר ערנסט דעבאטירט געוואָרען; די דעלעגאטען פון ביידע אָרגאניזאציאָנען האָבען געפיהרט א זעהר שווערען וואָרט־קאמפף. פאָסטער האָט געזוכט צו פסל'ען דאָנקאן'ען פערזענליך. דאָנקאן האָט געזוכט צו פסל'ען די גאנצע אָרגאניזאציאָן פון די „אינדאָסטריעל וואָרקערס“ אלס אזעלכע.

„דאָך דער איינשטימיגער בעשלוס פון דער גאנצער געווערקשאפטליכער אינטערנאציאָנאלע איז געוועזן, דאָס „דהי אינדאָסטריעל וואָרקערס אָוו דהי וואָרלד“ קענען צום וועלט־פערבאנד פון די געווערקשאפטען ניט צוגעלאָזען ווערען.

„דיעזער איינשטימיגער אורטהייל פון דער גאנצער געווערקשאפטס בעוועגונג פון דער וועלט איז געוויס ווערטה זעהר ערנסט בעטראכט צו ווערען. און בעזאָנדערס איז וויכטיג דיעזער פסק פון דער העכסטער געווערקשאפטליכער קאָנפערענץ איצט, בעת אזא איינפלוסרייכער פיהרער פון דער סאָציאליסטישער פארטיי ווי גענאָסע דעבס, קומט און וויל איינריידען די שיקאגאָער סאָציאליסטישע בעוועגונג, מיט הויט און ביינער זיך צו פערבינדען מיט דער אינדאָסטריעל בעוועגונג.“

צו דיעזען בעריכט ווילען מיר בלויז בעמערקען, אז עס האָט זיך ניט געהאנדעלט וועגען דער צולאָזונג פון דער „אמעריקאן פעדערייזאָן אָוו לייבאָר“, ווארים די אָרגאניזאציאָן איז שוין פון פריהער אנערקענט, ווי עס ווייזט זיך אויך ארויס פון דעם צווייטען רעפּאָרט אָדער אינטערוויו, וועלכען מיר נעהמען ארויס פון דער ניו יאָרק „דיילי קאָלל“.

די „קאָלל“ פון 5טען סעפטעמבער ענטהאלט דאָס פאָלגענדע:

„דער פיהרער פון די „אינדאָסטריעל וואָרקערס אָוו דהי וואָרלד“ זאָגט זיין מיינונג וועגען דעם אינטערנאציאָנאלען סעקרעטאריאט.

„וויליאם ז. פאָסטער ערקלעהרט, דאָס איינינע אייראָפּעאישע ארבייטער־פיהרער האָבען פערטהיידיגט די „סיוויק פעדערייזאָן“.

„מיר האָבען נעכטען געהאט אן אונטערערדונג מיט וויליאם ז. פאָסטער, וועלכער האָט פערטראָטען די אינדאָסטריעל וואָרקערס ביי דעם מיטינג פון דעם אינטערנאציאָנאלען ארבייטער יוניאָן סעקרעטאריאט (די אינטערנאציאָנאלע פעדעראציאָן פון טרייד־יוניאָנס). דער מיטינג איז אָבגעהאלטען געוואָרען אין בודאפעסט, אויגוסט דעם 12טען.

„וו. ז. פאָסטער האָט אונז געגעבען די פאָלגענדע ערקלעהרונג וועגען דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען ביי דעם מיטינג בנוגע צו די אינדאָסטריעל וואָרקערס.

„ביי דעם מיטינג אין בודאפעסט, איז די אמעריקאן פעדערייזאָן אָוו לייבאָר געוועזן פערטראָטען דורך דזשיימס דונקאן, פרעזידענט פון די גראניט־קאטערס יוניאָן, און א וויים־פרעזידענט פון דער א. פ. אָוו ל. דונקאן איז אויך א מיטגליעד פון דער סיוויק פעדערייזאָן.

„צוליעב געוויסע אורזאכען, זאָגט פאָסטער, האָט מען צוערשט די קרעדענשיאלס ניט נאָכגעזעהן, און דונקאן וואָלט פערבליבען זיצען אלס דעלעגאט גאָר אָהן פראגען. פאָסטער (א. וו. וו.) איז אָבער אויפגעשטאנען און פראָטעסטירט אויף דעם גרונד, דאָס דונקאן איז א מיטגליעד פון דער סיוויק פעדערייזאָן, און פאָלגליך קען ער דאָ — ביי דעם אינטערנאציאָנאלען קאָנגרעס פון יוניאָנס — ניט פערטרעטען די ארבייטער.

דער פאָרזיצענדער האָט געהייסען פאָסטער'ן זיך אוועקזעצען, אָבער פאָסטער האָט זיך ענט־

…ינען די ארבייט פון די פערגאנגענע יאהרען. מען טאר אבער די האפנונג ניט אויפגעבען. יעד־דערער דארף טהאן זיין בעסט, אז דאס בעסטע זאל פערווירקליכט ווערען.

דער צווייטער, פון וועמען מיר האבען דעם מאנאט געזוכט צו קריגען א מיינונג וועגען דער פראגע פון סטרייק בענעפיטס און וועגען אונ־זער אינטערנעשאנאל יוניאן אין אלגעמיין, איז געווען א. וויינשטיין, איינער פון אונזערע אלטע טרייד־יוניאניסטען, וועמען די נייע יוניאן־לייט קענען אויך, ווייל זיין אמט אלס סעקרעטער פון די געווערקשאפטען ברענגט איהם אפט פאר אונזער פובליקום.

גענ. וויינשטיין איז דער מיינונג, דאס איינע פון די אורזאכען ווארום קיין לאקאל פון די אינטערנעשאנאל ליידיעס גארמענט ווארקערס יוניאן האט זיך ביז היינט ניט אבגעריסען און ניט פרובירט צו ווערען „אינדעפענדענט", איז דאס אין א גרויסע מאס צו פערדאנקען דעם פאקט, וואס אונזער אינטערנעשאנאל האט א קליינע פער קעפיטא. די אידישע יוניאן־לייט, זאגט גענ. וויינשטיין, זיינען איבערהויפט ניט געוועהנט צו צאהלען הויכע דיוס אדער א הויכע פער קעפיטא צו אינטערנעשאנאלס. ער דענקט אויך, אז ביז היינט איז אונזער אינטערנעשאנאל גוט אויסגעקומען מיט די פער קעפיטא, וועלכע זי האט אריינגעקראגען. ווען אונזער אינטער־נעשאנאל זאל יעצט נעהמען פאדערען א העכערע פער קעפיטא, וואלט דאס געמאכט נויטיג אז מאנכע לאקאלס זאלען מוזען העכערען זייערע דיוס פון זייערע מעמבערס, און דאס רעכענט ער, וועט זיין א שווערע זאך צו טהאן.

עס איז דערפאר ראטהזאם, זאגט גענ. וויינ־שטיין, צו ווארטען נאך א יאהר אדער מעהרער, אום צו זעהן ווי אונזער יעצטיגע מעמבערשיפ וועט זיך האלטען, ווי טריי די מעמבערשיפ וועט ערפילען איהרע פפליכטען.

וואס אבעלאנגט די ארויסרופונג און די רע־גולירונג פון סטרייקס, איז גענ. וויינשטיין דער מיינונג, אז די רעגולירונג פון סטרייקס איז א נויטווענדיגקייט, און דאס ביז היינט איז די רע־גולירונג געווען א גאנץ שוואכע. מיט א סיסטעם וואו דער דזשענעראל אפיס וואלט געוועזען דער צאהלער פון סטרייק בענעפיטס, וואלטען די סטרייקס פיעל בעסער רעגולירט געווארען. אבער וואס עס איז גוט קען ניט אימער לייכט אויס־געפיהרט ווערען.

גענ. וויינשטיין האט אין זיין ריידען איבער דער פראגע פון אונזער אינטערנעשאנאל זיך אויסגעשפראכען אין א זעהר צופריעדענעם טאן.

גענ. וויינשטיין האט געהאט א ברייטע ער־פאהרונג מיט אינטערנעשאנאל יוניאנס אין בע־צוג זייערע אונטערנעהמונגען, צו ארגאניזירען די ארבייטער־מאסען און אין בעצוג זייער העלפען לאקאלע יוניאנס וואס זיינען אנגעשלאסען אן די אינטערנעשאנאלס.

גענאסע וויינשטיין זאגט, אז אין זיין ער־פאהרונג האט ער נאך ניט אנגעטראפען קיין איין אינטערנעשאנאל יוניאן, וועלכע זאל טהאן אזוי פיעל, און די ארבייט טהאן אזוי גערען, אין העלפען און שטיצען די לאקאלע יוניאנס, ווי דאס איז דער פאל מיט די אינטערנעשאנאל ליידיעס גארמענט ווארקערס יוניאן.

סיי די הויפט־אפיסערס אינדיווידועל, און סיי דער פערבאנד גופא, האבען זיך קיינמאל ניט צוריקגעהאלטען אין זייער טהעטיגקייט, ווען נור א צענטראלע קערפערשאפט אדער א לאקאלע יוניאן פון אירגענד וועלכער שטאדט האט פער־לאנגט הילפע צו ארגאניזירען די מאסען. גענ. וויינשטיין איז דער מיינונג, אז מיט מעהר פי־נאנציעלע קרעפטען וואלט די אינטערנעשאנאל ליידיעס גארמענט ווארקערס יוניאן געוויס פיעל מעהר אויפגעטהאן. ער איז אבער אויך דער מיינונג, אז עס איז ראטהזאם אבצוווארטען מיט דער איינפיהרונג פון א העכערע פער קע־פיטא און העכערע בענעפיטס, ביז די אינטערניי־שאנאל וועט זיין מעהר זיכער מיט דער קוואלי־טעט פון איהרע מעמבערס.

## פעהלער אויסבעסערונג.

אין דעם ארטיקעל „מאי און סעפטעמבער 1910־1911" וואס איז ערשיענען אין לעצטען נומער, איז געווען איבערגעדרוקט א ליפלעט, וואס האט בעהאנדעלט דעם ארויסרופען פונ'ם דזשענעראל סטרייק אין דער קלאוק טרייד. אונ־טער דיזען ליפלעט איז געווען אונטערשריעבען „די דזשאינט באארד פון די קלאוק, סקירט און פרעסערס לאקאלס א. ל. ג. וו. י." דער אונ־טערשריפט איז אן אירטהום. עס האט גע־דארפט זיין געדרוקט: „די דזשענעראל עקזע־קוטיוו באארד אינטערנעשאנאל ליידים גאר־מענט ווארקערס יוניאן."

---

אזוי ווי א קינד, קען דאס פאלק נור וויינען אדער לאכען. מען דערקענט גלייך אז עס פיהלט שמערץ אדער פרייד, אבער עס איז שווער צו ויסען, וואס איהם (דעם פאלק) פעהלט און מיט וואס ער פרעהט זיך.

(בערנע.)

---

לעזער! וואס טהוט איהר פאר דעם ער־פאלג פון ליידיעס גארמענט ווארקער? פער־ברייטעט דעם זשורנאל, און איהר העלפט דער־מיט אייערע מיטארבייטער צו פערשטעהן די טרייד־יוניאן בעוועגונג.

---

רענצען, דורך לעקטשורס, דורך מאס־מיטינגען און דורך ליפלעטס, זעהן אז יעדער מעמבער פון אונזערע לאקאלס זאל קלאהר וויסען די לאגע, זאל קלאהר פערשטעהן די מאשינערי פון אונזער בעוועגונג, און זאל צושטימען צו דעם פראקטישען פארשלאג, אז די אינטערנעשאנאל זאל פערזיכערן יעדען מעמבער זיין סטרייק בענעפיט און אויך טויטען־פאל בענעפיט.

מיר האבען פריינד גראסמאן'ען געפרעגט, ווי זאל, נאך זיין מיינונג נאך, די פראגע געבראכט ווערען צו אבשטימונג, צו זאל די אבשטימונג געלאזען ווערען צו די *מעמבערס*, אדער צו די דעלעגאטען פון א קאנווענשאן.

פריינד גראסמאן'ס מיינונג איז, אז עס איז פיעל פראקטישער איבערצולאזען די פראגע צו די דעלעגאטען פון א *קאנווענשאן*, ווייל צום קאנווענשאן ווערען דאך געשיקט מעהר ערפאהרענע מענשען, און עס איז דא מעהר מעגליכקייט אז א פערזאמלונג פון ערפאהרענע מענשען זאלען ניכער אננעהמען דעם פארשלאג וועגען סטרייק בענעפיט, איידער דאס איז מעגליך צו ערווארטען פון די מאסען מעמבערס, וועלכע האבען ליידער ניט אזוי פיעל ערפאהרונג ווי סטרייקס דארפען ווערען פינאנסירט.

פריינד גראסמאן בעמערקט, אז די אגיטאציאן וועגען וועלכע ער האט ערשט גערעדט, וואלט אויך געדארפט געריכטעט ווערען אויף אזא ארט, אז די *מעמבערס* זאלען איבערגעבען צו די קאנווענשאן דעלעגאטען דאס רעכט צו בעשטימען א נייע פער קעפיטא פאר אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן.

מיר האבען אויך געפרעגט פריינד גראסמאן'ען, וואס זיין מיינונג איז וועגען דעם, צי עס וואלט גוט געווען אז די הויפט־בעאמטע זאלען זיך מעהר אריינמישען אין די לאקאלע סטרייקס, ווייל ביז היינט האט דער הויפט־אפיס כמעט גאר ניט געהאט צו טהאן וועגען די סטרייקס, וועלכע די לאקאלס האבען גערופען אדער געפיהרט.

פריינד גראסמאן האט זיך וועגען דעם אויסגעשפראכען גאנץ דייטליך, זאגענדיג, אז פיעלע און פיעלע סטרייקס וואלטען פאזיטיוו געקענט פערמידען ווערען, ווען די נאציאנאלע בעאמטע אדער אזוי פערטרעטער פון דזשענעראל אפיס זאלען זיך איבערגעבען אינ'ם פלאץ וואו דער סטרייק דארף פארקומען, דארט זוכען וועגען און מיטלען ווי אזוי דעם סטרייק צו פערמידען. און ווען די דזשענעראל בעאמטע וואלטען איינגעזעהן אז א סטרייק אין דעם בעשטימטען ארט, קען ניט פערמידען ווערען, דאן וואלט דיזער סטרייק געווים געצויגען מעהר אויפמערקזאמקיים פון'ם געגענד, מענשען וואלטען דאן בעטראכט דעם סטרייק מיט מעהר ערנסט.

עהנליכעס, זאגט פריינד גראסמאן, וואלט געווען דער צושטאנד ביין סעטלען סטרייקס. אפטמאל האט א מאנופעקטשורער א פאראורטהייל געגען מאנכע לאקאלע בעאמטע, און דיזער פאראורטהייל האלט איהם אב פון סעטלען, וועהרענד מיט אפיסערס פון דער אינטערנעשאנאל וואלט ער מעהר גערן אנגעפאנגען א פערהאנדלונג. אויף אזא ארט וואלטען פיעלע סטרייקס ניכער געסעטעלט געווארען דורך די נאציאנאלע בעאמטע (נאטירליך מיט דעם פולען וויסען פון די לאקאלס) איידער ווי דאס פאסירט היינט, ווען די גאנצע סטרייק ביזנעס, זא צו זאגען, ליעגט אין די הענד פון די לאקאלע בעאמטע.

ווען עס קומט צו פערמיידען אדער צו סעטלען סטרייקס, האט די ערפאהרונג געוויזען, אז איין *מענש* איז אפטמאל מעהר צוגעפאסט צו א געוויסער לאגע, ווי דאס איז דער פאל מיט א צווייטען. הגם ביידע מענשען זיינען גלייך איבערגעבען צו דער זאך און ביידע פערטרעטען איין לאקאלע אדער נאציאנאלע יוניאן.

אלס א רעגעל האט די לאקאלע יוניאן א פיעל קלענערען אויסוואהל פון מענשען צו פערהאנדלען סטרייק־פראגען, וועהרענד די דזשענעראל אפיסעס קענען פיעל לייכטער בעקומען די פאסענדע מענשען זיך אבצוגעבען מיט די פראבלעמען וואס זיינען פערבונדען מיט סטרייקס. און ווען עס מאכט זיך א טראבעל אין א געוויסען פלאץ, קען דער דזשענעראל אפיס זעהר פיעל העלפען דעם טראבעל צו פערמיידען, אדער איהם גיך צו ענדיגען.

מיר האבען געפרעגט פריינד גראסמאן'ען, וואס ער רעכענט וועט זיין די ווירקונג אויף אונזער אינטערנעשאנאל, ווען זי וועט אנפאנגען אריינקריגען גרויסע סומען געלד, וואס דער נייער פלאן פון א פערהעכערטע פער קעפיטא וואלט אריינגעבראכט.

גראסמאן'ס מיינונג איז, אז וואס גרעסער עס וואלט געווארען די איינגאהמע פון אונזער אינטערנעשאנאל, אלץ מעהר פארזיכטיג וואלטען די פאנדס פערוואלטעט געווארען פון אונזערע אפיסערס, און אלץ מעהר אינטערעסע וואלטען אונזערע מעמבערס גענומען אין די ביזנעס פון אונזער פערבאנד. ביי יעדער געלעגענהייט וואלטען אלע געפיהלט ווי גרויס עס זיינען אונזערע פעראנטווארטליכקייטען. אין א פאר יאהר וואלטען מיר זיך געקענט אזוי ארויפארבייטען, אז אונזער אינטערנעשאנאל ליידיעס גארמענט ווארקערס יוניאן וואלט געקענט מיט עהרע גערעכענט ווערען צווישען די גרעסטע אינטערנעשאנאל יוניאנס אין אמעריקא!

וואס מעהר געלד אונזער פערבאנד וועט האבען, אלץ זיכערער וועלען זיך אונזערע לאקאלס פיהלען, אלץ בעסער וועלען זיין די רעזולטאטען פון די לאקאלע קאמפפע.

פריינד גראסמאן האט זיך צולעצט אויסגעשפראכען מיט מורא און דאך מיט האפנונג אויף דער צוקונפט פון אונזערע יוניאנס.

די מאכט, זאגט גראסמאן, ליעגט אין די הענד פון אונזערע ארבייטער. ליידער האבען זיי ביז היינט נאך ניט געהאט גענוג שכל, ניט גענוג מוטה, צו טהאן דאס וואס נויטיג איז, אום צו

# סטרייק בענעפיט—װער זאָל דאָס צאָהלען?

(מיינונגען פון אונזערע ליעדערס און טהוערס.)

איבערגעגעבען פון בן יוסף.

---

אין דעם אויגוסט נומער פון „לײדיעס גאַרמענט װאָרקער", האָבען מיר אָנגעפאַנגען צו געבען „אינטערװיוס" מיט די ליעדערס און טהוערס פון אונזער בעװעגונג װעגען דעם, צו עס איז ראַטהזאַם און צו עס איז אויך מעגליך פאַר אונזער אינטערנײשאַנאַל יוניאָן איינצופיהרען א סיסטעם, דורך װעלכע אונזערע מעמבערס זאָלען קענען קריגען סטרייק בענעפיט רעגעלמעסיג אויסגעצאָהלט פון דזשענעראַל אָפיס.

לעצטען מאָנאַט האָבען מיר געגעבען די מיינונגען פון דזשאָן א. דייש, אונזער דזשענעראַל סעקרעטער; פון ב. פריעד, סעקרעטער פון די ניו יאָרקער קלאָוקס־אָפּרייטאָרס; מאָריס זינגער, מענעדזשער פון איינעם פון די דזשאָינט באָארד אָפיסעס און פון מ. װינטשעװסקי, דער דיפּוטי־אַדיטאָר פון דעם פינאַנס דעפּאַרטמענט פון דער ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד.

אין דיעזען נומער זעצען מיר פאָרט די מיינונגען פון אַנדערע ליעדערס און טהוערס פון אונזער בעװעגונג. מיר װילען אז אונזערע לעזער זאָלען זיך בעקענען מיט די מיינונגען פון ערפאַהרענע מענשען, כדי זיי זאָלען שפּעטער קענען פאַסען זייער אייגענעם מיינונג איבער דער װיכטיגער פראַגע, אויף װעלכע עס הענגט פיעל אָב דער לעבען פון אונזערע יוניאָנס.

זאָל די אינטערנײשאַנאַל צאָהלען סטרייק־בענעפיט?

מיט דיעזער פראַגע האָבען מיר דיעזען מאָנאַט געװענדעט זיך צו פר. הערמאַן גראָססמאַן, מענעדזשער פון דעם אַפּ־טאַון אָפיס פון דער דזשאָינט באָארד, ניו יאָרק.

פריינד גראָססמאַן איז איינער פון דער „אָלד גאַרד", עס װעט שװער זיין צו געפינען א האַלבען דאָזען מענשען אין דער אידישער טרייד־יוניאָן בעװעגונג, װעלכע זאָלען זיין א לענגערע צייט טהעטיג אין דיעזער בעװעגונג, װי דאָס איז ה. גראָססמאַן. אַלזאָ װאָס איז זיין מיינונג?

גראָססמאַן'ס מיינונג איז, אז עס קען גאָר קיין רייד ניט זיין װעגען די ראַטהזאַמקייט. דאָס די אינטערנײשאַנאַל זאָל צאָהלען סטרייק בענעפיט. ביז יעצט איז סטרייק בענעפיט געװען די קלענסטע זאַך, צו װאָס אונזערע ארבייטער האָבען זיך צונענדזיט. ניט די לאָקאַלע יוניאָנס, און ניט די אינטערנײשאַנאַל האָבען ביז היינט איינגעפיהרט דעם צאָהלען פון סטרייק בענעפיט װי עס בעדאַרף צו זיין.

די ערפאַהרונג האָט געלערענט, אז אינטערנײשאַנאַל יוניאָנס קענען זיך בעססער צוגרייטען צו צאָהלען דיעזען בענעפיט, װי דאָס קענען טהאָן לאָקאַלע יוניאָנס.

פריינד גראָססמאַן איז אָבער דער מיינונג, אז עס װעט זיין אַן אונגעהייערע שװערע ארבייט צו ערקלעהרען די מאַססען מעמבערס, סיי די ראַטהזאַמקייט און סיי די מעגליכקייט פון דער אונטערנעהמונג.

פאַר פיעלע און פיעלע יאָהרען — זאָגט גראָססמאַן — זיינען די מוחות פון אונזערע ארבייטער אַזוי ערצויגען געװאָרען, אז זיי בעגרייפען שװערליך די מאַשינערי פון דער טרייד־יוניאָן בעװעגונג. די מאַססען פון אונזערע מעמבערס בעגרייפען קוים אז די לאָקאַלע יוניאָן און די אינטערנײשאַנאַל זיינען איין זאַך, נור האָבען בעזונדערע פונקציאָנען, פונקט אַזוי װי א קערפער און זיינע פערשיעדענע גליעדער. אונזערע מאַססען זיינען נאָך ניט גענוי בעקאַנט מיט דעם פאַקט, אז די לאָקאַלע יוניאָנס האָבען נור דאַן א מעגליכקייט צו עקזיסטירען און צו האָבען א פּראָגרעסיװע װירקונג, װען דיעזע לאָקאַלס זיינען אַפיליאירט מיט אַן אינטערנײשאַנאַל יוניאָן, װאָס קאָן דער לאָקאַלער יוניאָן העלפען פינאַנציעל אין א צייט פון קריזיס, און װאָס קען אויך פערזיכערען רעגעלע פינאַנציעלע שטיצע צו די מעמבערס פון'ם לאָקאַל, װען זיי זיינען אין סטרייק.

העכסטענס װאָס אונזערע מאַססען האָבען ביז היינט געלערענט װעגען אינטערנײשאַנאַלס — זאָגט פריינד גראָססמאַן — איז דאָס, אז די אינטערנײשאַנאַלס זיינען אַן אומזיסטע עקספּענס, און דאָס די לאָקאַלע יוניאָנס דאַרפען זיין װאָס מעהר אונאָבהענגיג, װאָס מעהר פון װייטען פון די אידעען און פון די מעטאָדען, װעלכע בעהערשען די אַמעריקאַנער ארבייטער בעװעגונג. נאַטירליך, די רעזולטאַטען ביז היינט זיינען געװען טרויעריגע. שװאַכע לאָקאַלס, סטרייקס אָהן סטרייק בענעפיט, און אַן אינטערנײשאַנאַל יוניאָן װאָס האָט ניט געהאַט קיין גענינענדע מאַכט צו װירקען אז אַלע לאָקאַלס זאָלען צו געװיסע צייטען האַנדלען אויף א גלייכען אופן. פר. גראָססמאַן ראַטה דאָרום, אז די אינטערנײשאַנאַל זאָל װעגען דער פראַגע פון א נייע פּער קעפּיטאַ אַנפיהרען א שטאַרקע אַגיטאַציאָן דורך קאָנפע־

פּארמע, האָך מוזען מיר מתרי זײן ניט צו ער־װארטען פון איהר צו גרויסע ערגעבונגען. די געװערקשאפטען, צי זי איז א סטריקט פּאכאװע, צי אן אינדוסטריעלע ארגאניזאציאן, קען אט אזוי פיעל טהון און ניט מעהר אין גינסטיגסטען פאל. די געװערקשאפטס־בעװעגונג און די סאציאליס־טישע בעװעגונג דאס זײנען די צװײ ארעמס פון זעלבען קערפּער. בײדע זײנען נױטיג פאר דעם קאמפף צו בעסערונג דער לאגע און די בע־פרײאונג פון ארבײטערקלאס אויס דעם יאָך פון לוין־שקלאפערײ.

„אויף דער פראגע: װאס איז די צרה מיט שיקאגא? קענען מיר ענטפערן מיט א טרויסט: שיקאגא'ר פארטײ־בעװעגונג איז בסך הכל „אלל־ראיט", װארום זי האלט זיך אן ריכטיגע טאק־טיק. מען מוז אויפּפּאסען אז מען זאל דעם װאגען ניט פערשטופּען װידער אין זומפּ פון אימפּאסיביליזמוס."

# צו אײך לעזער!

פרײנדע! די נױטװענדיגקײט פיר א ברײ־טערע בעקאנטשאפט מיט דער טהעאריע און פּראקטיק פון דער טרײד־יוניאן בעװעגונג װערט אלץ גרעסער און גרעסער.

װאס מעהר פערשטענדיג אונזערע מעמבערס װעלען זײן, אלץ זיכערער, אלץ טרײער, אלץ מעהר פּראקטיש װעט זײן זײער צובונד צו די טרײד־יוניאנס, אלץ רײכער װעלען זײן אונזערע געװינסען.

ס'איז דארום פון דער גרעסטער נױטװענ־דיגקײט אז איהר, װעלכע לעזט רעגעלמעסיג אונזער זשורנאל, זאלט אנפאנגען טהאן א ביסע־לע ארבײט אין דער ריכטונג פון פערברײטען דיזען שריפט צװישען אונזערע מעמבערס.

װי גרויס אונזער ערפאלג איז, קענען מיר ניט און טארען ניט זײן צופריעדען! אונ־זערע ערדרײכונגען מוזען אימער זײן גרעסער מיט יעדען מאנאט. איהר לעזער קענט העלפען אז דער „לײדיעס גארמענט װארקער" זאל גרײכען א סירקולײשאן פון 50 טויזענד. יעס, פרײנדע, איהר קענט העלפען צוברענגען די צאהל לעזער צו 50 טויזענד מאנאטליך.

יעדערער מוז צוגעבען, דאס דער לײדיעס גארמענט װארקער האט זיך פיעל פערבעסערט די לעצטע פאר מאנאט. מיר טהוען װאס נור מעגליך, אום צו מאכען דעם זשורנאל בעלעה־רענד, אינהאלטסרײך און אינטערעסאנט פאר יעדען. טהוט איהר אײער טהײל, און אונזער אלעמענס ערפאלג װעט זײן געזיכערט.

זעהט אז בײ יעדען מיטינג זאלען געבראכט װערען קאפּיעס פון „לײדיעס גארמענט װאר־קער". האט א ספּעציעלע קאמיטע פון צװײ־דרײ פערזאן װענגען דעם. אײנצעלנע קאפּיעס זײנען בלויז א דאלאר פאר א הונדערט, און װען יעדער לאקאל יוניאן זאל דאס מאכען פאר איהר חיוב צו צוטהײלען א הונדערט אדער מעהר קאפּיעס צו די מיטגליעדער װאס קומען צו די מיטינגען, װאלט דאס געװען זעהר א גרויסע, זעהר א בע־דײטענדע בילדונגס־ארבײט, װאס װאלט פיעל ארײנגעטראגען דעם לאקאל, דורך דעם װאס דער לאקאל װאלט געהאט מעהר פערשטענדיגע מעמבערס.

סובסקריפּשאן קארדס פאר א גאנצען יאהר צו קריגען דעם זשורנאל צוגעשיקט אהײם, קאסט בלויז 25 סענט. סובסקריפּשאן קארדס דארפען זיך געפינען בײ יעדען פינאנסיעל און רעקאר־דינג סעקרעטער, און בײ יעדען אקטיװען מעמ־בער.

יעדער פון אונזערע לעזער װאס װעט שרײ־בען אין אפיס, געבענדיג זײן פולען נאמען און אדרעס און בוך נומער, װעט קריגען צוגעשיקט פינף סובסקריפּשאן־קארדס. און װען איהר האט זײ פערקויפט צו 25 סענט, פערלאנגען מיר פון אײך איהר זאלט אונז אבשיקען בלויז 1 דאלאר.

עס איז זעהר לײכט צו קריגען סובסקריפּ־שאנס פאר'ן „לײדיעס גארמענט װארקער". איהר ברויכט נור טרײען, איהר ברויכט נור זיך נעהמען א ביסעלע מיה װעגען דעם און אנפאנ־גען רײדען מיט אײערע מיטארבײטער װעגען לעזען און לערנען װעגען יוניאנס און עס װעט זײן זעהר לײכט פאר אײך צו פערברײטען 50 סובסקריפּשאן קארדס אין א מאנאט, ברענגענ־דיג א פראפיט צו זיך און בעדײטענדע נוצען צו דער טרײד־יוניאן בעװעגונג.

לעזער! פאנגט אן אײער טהעטיגקײט הײנט! נעהמט סובסקריפּשאן קארדס פונ'ם סעקרעטער פון אײער לאקאל, אדער שרײבט דירעקט אין אפיס פון „לײדיעס גארמענט װארקער".

ציפּיעלע פונדאמענטאלע דיפערענצען און אנשויאונגען... דאס וואס אונזערע מיטגליעדער פעהלט טהעארעטישע בילדונג און סאציאליזמוס, בעזאנדערס דער אומשטאנד וואס אונזערע ענגליש־שפּרעכענדע גענאסען זיינען אזוי ווייניג געבילדעט טהעארעטיש אין סאציאליזמוס, רופט ארויס ביי זיי אונקלארהייט איבער די טהעארעטישע און פּראקטישע אויפגאבען פאר דער סאציאליסטישער בעוועגונג. און דאס איז די ערקלערונג פאר די פיעלע טעות'ן און פאלשע האנדלונגען, וועלכע קומען פאר אין פיעלע ארגאניזאציאנען."

די קריטיק פון גענ. דעבס געגען שיקאגא'ר סאצ. בעוועגונג, זאגט די „פ. צ.", גיט אונז א כאראקטעריסטישען ביישפּיעל פון דעם וואס פאר א מין מיש־מאש די אונגעניגענדע בילדונג אין סאציאליזמוס רופט ארויס. די צייטונג מאכט אויך אויפמערקזאם אויף דעם „אונגליק" וואס גענאסע דעבס האט געהאט דורך דעם, וואס גראדע איצט האט די אינטערנאציאנאלע געווערקשאפטס־קאנפערענץ איינשטימיג צוריקגעוויזען די „אינדאסטריאל ווארקערס", אן אומשטאנד, אויף וועלכען די רעדאקציאן פון דער „אידישער ארבייטער וועלט" האט שוין אויפמערקזאם געמאכט; ווי אויך, אז די אינטערנאציאנאלע סאציאליסטישע קאנגרעסען הייסען פונקט קאפויר האנדלען ווי גענאסע דעבס טהוט: זיי הייסען אויסדריקליך העלפען די טרייד־יוניאנס און דערמאנען אין ערגעץ ניט דאס ווארט „אינדוסטריעלע" פערבאנדען.

די שטעלונג פון דער „פאלקסצייטונג" צו דער פראגע איז, ווי די לעזער זעהען, פונקט דיזעלבע ווי די שטעלונג פון דער רעדאקציאן פון דער „אידישער ארבייטער וועלט".

די „פאלקסצייטונג זאגט ווייטער, אז „אין די טעג פון ענערגישע ארויסטרעטונגען, פון וואקסענדער בעדייטונג וועט די פארטיי מוזען זארגען, אז ניט אפּארטוניסטען וואס יאגען זיך נאך ערפאלג און ניט אונקלארע אימפּאסיביליסטען מיט גוטע אבזיכטען זאלען ניט קענען פערשטעלען דעם גלייכען וועג פון אמת־רעוואלוציאנערער טאקטיק... דיעזער וועג קען קיין אנדערער ניט זיין, ווי די ענערגישע אונטערשטיצונג פון אלע געווערקשאפטליכע קעמפּפע און ארגאניזאציאנס־ארבייטען, און אבסאלוטע נייטראליטעט אין אלע ארגאניזאציאנס־פראגען."

*

די סענט לואיזער ס. פּ. צייטונגען (דער „לייבאר" און די „ארבייטערצייטונג") ווידמען גענאסע דעבס'עם ארטיקעל וועגען שיקאגא'ר בעוועגונג לייט־ארטיקלען. זייער אורטהייל איז נאך א פיעל שארפערער.

„די ארגומענטען, וועלכע גענאסע דעבס ברענגט פאר — זאגען אונזערע סט. לואיזער ברודער־ארגאנען — זיינען אזוי אויבערפלעכליך און ווייזען ארויס אזוי ווייניג בעקאנטשאפט מיט די שיקאגא'ר פערהעלטניסע, אז די פּארטיי־פּרעסע מוז געגען דעם נעהמען א שטעלונג."

די סט. לואיזער פּארטיי־צייטונגען נעהמען די זאך ווייניגער ערנסט ווי די „פאלקסצייטונג".

„מיר ווייסען — שרייבען זיי — פון וואנען דיעזע טעות'ן דעבס'עם קומען. עס לויפען היינט ארום אין שיקאגא גרויסע און קליינע מענשעלעך, וועלכע ציטערן פאר מורא אז זיי וועלען מוזען שטארבען איידער זיי וועלען בעוויזען זייער אונשטערבליכקייט צו זיכערן... איינער פון זיי איז אויך פעראנטווארטליך פאר די טעות'ן פון וועלכע גענאסע דעבס איז געווארען א קרבן."

וואס אנבעטרעפט דעבס'עם תרופה צו אלע מכות, דעם „אינדאסטריאל יוניאניזם", ענטפערט דער שרייבער:

„גענאסע דעבס וועט באלד אויסגעהיילט ווערען פון זיין גלויבען. די אינדוסטריעלע פארמע פון די געווערקשאפטליכע ארגאניזאציאן וועט ניט איינגעפיהרט ווערען אויף די קאמאנדא פון געוועזענע גלחים, ווינקעל־אדוואקאטען און אנדערע ניט־ארבייטער, נור זי וועט זיך ארויסבילדען פון די גרויסער אמעריקאנער געווערקשאפטס־בעוועגונג אליין, אלס נויטווענדיגער, נאטירליכער ענטוויקלונגס־גאנג, אט אזוי האבען מיר די אינדוסטריעלע ארגאניזאציאנס־פארמע ביי די מיינערס, ברויער, אייזענבאהן־שאפּ־ארבייטער א. ז. וו. און דיעזע אינדוסטריעלע ארגאניזאציאן האט זיך ענטוויקעלט אין די רייהען פון דער אמעריקען פעדערישאן אף לייבאר. ווען און וואו עס וועט נויטיג זיין, וועלען אנדערע יוניאנס נאכפאלגען זיי, אבער כאטש מיר האלטען אזוי פיעל פון דער אינדוסטריעלער ארגאניזאציאנס־

פריינדליך צו די יוניאַנס, און אז דיזע עכטע רעוואָלוציאָנערען גייסטער וועלען מחנות־ווייז זיך אַ שיט טהאָן צוריק.

דער אמת איז, אַז מיט אינדאַסטריאַל־יוניאַניזם האָט מען זיך שוין געפּרובירט דאָ אין לאַנד, און אינדאַסטריאַל יוניאַניזם האָט שוין בעוויזען צו האָבען לידערס — פייקערס, און אינדאַסטריאַל יוניאַניזם איז פאַר זיך אַליין קיין ערפאָלג ניט, און בשום אופן ניט קיין אויפלעבונגס־מיטעל פאַר די סאָציאַליסטישע בעוועגונג. דאַניעל דעליאָן האָט מיט אייניגע יאהרען צוריק אויך גע׳חלום׳ט דעמזעלבען חלום, ווען ער האָט אויפגענומען דיזע אישיו, ער האָט געחלום׳ט אויפצולעבען אָדער וועניגסטענס צו ראַטעווען זיין פּאַרטיי פון אונטערגאַנג.

דעם סוף ווייסען מיר: די ס. ל. פּ. מיט׳ן אינדאַסטריאַל יוניאַניזם איז געגאַנגען למטה ולמטה, אַלץ טיעפער געזונקען, און די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אָהן אינדאַסטריאַל־יוניאַניזם איז געגאַנגען אַלץ למעלה ולמעלה. און איהרע גלענצענדסטע ערפאָלגען האָט די ס. פּ. דוקא אין די שטעדט און שטעדטלעך, וואו עס געלינגט צו זיכערן די הילף, אָדער וועניגסטענס די סימפּאַטהיע, פון די טרייד־יוניאַנס.

און ניט אמת איז אויך, דאָס האַנדלענדיג ווי גענאָסע דעבס רעקאָמענדירט, דאָס הייסט, אַז אָבשאַקלענדיג זיך פון די טרייד־יוניאַנס און גרינדענדיג אָפּאָזיציאָנעלע אינדאַסטריאַל־יוניאַנס, געהען מיר אויפ׳ן וועג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַלדעמאָקראַטיע. פּונקט קאָפּויר! אַלע בעשליסע פון די אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענפאָהרען לויטען: בשום אופן קיינע אָפּאָזיציאָנס־יוניאַנס ניט גרינדען, נור זעהען קומען אין נאָהענטערע בעציהונגען מיט די עקזיסטירענדע יוניאַנס.

דער וועג, וועלכען גענ. דעבס שלאָגט פאָר דער פּאַרטיי אין שיקאַגאָ — און דיזעלבע פראַגען און דיזעלבע פעהלערען און תרופות קענען אַנגעווענדעט ווערען פאַר אַלע איבריגע שטעדט — איז זעהר אַ געפעהרליכער וועג. דער אינדאַסטריל־יוניאַניזמוס איז ביי אַ געוויסען טהייל פון דער פּאַרטיי־אינטעליגענץ געוואָרען אַ מיטעל צו טרייבען די פּאַרטיי אויפ׳ן סינדיקאַליסטישען וועג.

עס איז זעהר צו בעדויערן וואָס גענ. דעבס האָט זיך געלאָזט דורך זיין רעוואָלוציאָנערען טעמפּעראַמענט אריינציהען אין די סינדיקאַליסטישע נעצען. די פּאַרטיי וועט מיט־איהם ניט קענען מיטגעהן. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט אין ערגעץ ניט געלאָזט איהרע שיפען זעגלען אונטער די פאָהנען פון ראָמאַנטישען רעוואָלוציאָנאַריזם, און אין דעם בעשטעהט איהר גרויסקייט און זיכערהייט פון איהרע ערפאָלגען. זי וועט אויך אין אַמעריקא מוזען זיך אויסהיטען פון דיזע פּערפיהערישע חלומות וועגען גרויסע ערפאָלגען דורך צויבער־ווערטער קמיעות, און מעהר ווי דאָס איז גענ. דעבס׳עס תרופה בשום אופן ניט.

די דיפערענצען צווישען גענ. דעבס און דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, זיינען די דיפערענצען צווישען רעוואָלוציאָנירען ראָמאַנטיזם און סאָציאַלדעמאָקראַטישען רעאַליזם. די פּאַרטיי וועט מוזען זיך האַלטען ביי דעם לעצטען און נור דערמיט וועט זי זיעגען.

## מיינונגען פון אַנדערע סאָציאַליסטישע רעדאַקטערע.

וואָס אַנבעלאַנגט די מיינונגען פון די אַנדערע סאָציאַליסטישע צייטונגען, גיבען מיר דאָס פאָלגענדע פון דער ניו יאָרקער „פאָלקסצייטונג“.

די צייטונג בעטראַכט דעבס׳עס אַרטיקעל אַלס אַ כאַראַקטעריסטישען אויסדרוק פון אַ געוויסער שטימונג פון אונצופריעדענהייט און אונרוהע, וועלכע הערשען אין די געוויסע פּאַרטיי־קרייזען, און ווערען גרעסער און שאַרפער ניט קוקענדיג אויף אַלע ערפאָלגען פון דער פּאַרטיי אין דער לעצטער צייט.

„אין פערשיעדענע שטאַאַטען —שרייבט די „פאָלקסצייטונג“ — אין מזרח און מערב פון אַטלאַנטיק געפינען מיר אונאייניגקייט און אונצופריעדענהייט אין די פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציאָנען, מיר זעהען די שפּראָצען פון אַ צושפּליטערונג און פּיהלען, אַז מיר לעבען אין אַן אַטמאָספערע, וועלכע פאָדערט דורך איהר שטיקונג אַ רייניגונגס־שטורם.“

וואָס־זשע זיינען די אורזאַכען פון אַזאַ אונגעזונדער און געפעהרליכער שטימונג, אין וועלכער די בעוועגונג געפינט זיך?

„עס איז שווער — ענטפערט די צייטונג — עפּעס אַנדערש צו ענטדעקען אַלס אורזאַכע פון דיעזען צושטאַנד, ווי אַ מאַסע פון רייסערייען, וועלכע פערדאַנקען זייער ענטשטעהונג נור קליינליכע פּערזענליכע רייבערייען און וועלכע זיינען אין זייער גרעסטער מעהרצאַהל ווייט פון פּרינ־

אין דעם גייסט פון מארקסיזמוס און אביסעל ערנסטער זיין אנאליזע געפיהרט, זיך געמוזט שטעלען אלס ערשטע און וויכטיגסטע פראגע: ווי שטעהט עס מיט'ן סאציאליזמוס צווישען די ניט־ארגאניזירטע ברייטע פראלעטאריער־מאסען? צי איז עס אן ערפאלג ביי זיי אדער ניט? און פאר וואס ניט? א גאנצע רייהע פון פראבלעמען, פיעלע איינגעארטיגע אומשטענדען וואלט גען. דעבס דערביי בעגעגענט, צווישען זיי וואלטען די פראגען וועגען „פרעמדגעבארענע" און „פרעמדשפרעכענדע" פערנומען דעם וויכטיגסטען פלאץ, ווארום דער ווייט גרעסטער טהייל פון דיזע פראלעטאריער־שיכטען אין שיקאגא זיינען דאך ענטוועדער פרעמדגעבארענע אדער פרעמדשפרעכענדע.

פאר גענאסע דעבס עקזיסטירען אבער דיזע שיכטען פון פראלעטאריאט גאר ניט. ער איגנארירט זיי אין גאנצען. דערמיט האט זיין גאנצע קריטיק פערלארען איהר ערנסטע אלגעמיינע בעדייטונג. אין בעסטען פאל האנדעלט עס זיך נור וועגען א טהייל — דעם ווייט קלענערען טהייל — פון דער בעוועגונג. און עס איז שוין מובן מאליו, אז זיין רפואה קען ניט זיין קיין היילמיטעל פאר די ג א נ צ ע בעוועגונג. צי די, צי יענע ארגאניזאציאנס־פארמע אין די טרייד־יוניאנס; צי די צי יענע ליעדערס — יעדענפאלס בלייבט די גרויסע פראגע וועגען די עראבערונג פון די עקאנאמיש ניט ארגאניזירטע, ניט־געלערנטע, גרעסערע ארבייטער־מאסען, ניט פערענטפערט און זאגאר ניט בעריהרט.

אבער די פעהלערן פון גענאסע דעבס'עס ארטיקעל בעשרענקען זיך ניט אויף דעם. זאגאר אויף דעם געביעט, וועלכער אינטערעסירט איהם יא, אויף דעם געביעט פון די ארגאניזירטע געלערנטע ארבייטער, איז זיין קריטיק ניט טיעף, ניט דורכדרינגענד גענוג, און זיין תרופה איז א פאנטאסטישע, א מין צויבער־קמיעה.

גען. דעבס ווארפט זיך צווישען די מאסען און די פיהרער, און קען בשום אופן ניט גענוי בעשטימען ווער עס איז דער ריכטיגער שולדיגער אין דעם גייסט פון קארופציאן און רעאקציאן וואס הערשט אין די יוניאנס — די פיהרער אדער די מאסען?

דא איז ער מרעיש עולם נעגען די פיהרער, דא הייסט ער זיך אין גאנצען אבשאקלען פון די מאסען — פון די יוניאנס בכלל. און דאך קען קיין שום רייד ניט זיין וועגען א ריכטיגע טאקטיק בנוגע צו די יוניאנס, אויב מיר וועלען וועגען דיזען פונקט ניט ווערען קלאר. אויב די צרה ליעגט אין די לידערס — דאן איז די איינציג ריכטיגע טאקטיק, בויערן פון אינוועניג, בויערן טיעף און ענערגיש אזוי לאנג, ביז די מאסען וועלען אבשאקלען פון זיך די איצטיגע לידערס. די טאקטיק מ ו ז זיין דיזעלבע, וועלכע די שיקאגא'ר פארטיי פיהרט אן: ארבייטען צווישען די יוניאנס.

זאלען מיר אבער, פערקעהרט, האלטען פאר ריכטיג, אז די מאסען אין די יוניאנס זיינען שולדיג, — און דאס קען מען אויסטייטשען אלס דעבס'עס מיינונג בעת ער בעמערקט, אז ווען די לידערס וואלט ניט געווען אזוי רעאקציאנער און קארומפירט, וואלטען זיי קיין לידערס ניט געווען, אדער ווען ער הייסט אין גאנצען זיך אבשאקלען פון די יוניאנס — דאן איז דאך לעכערליך צו ערווארטען אן ערלעזונג פאר די סאציאליסטישע פארטיי פון דער ענדערונג פון דער ארגאניזאציאנספארמע אין די יוניאנס. און דאס איז דאך די איינציגע רפואה וועלכע דעבס שלאגט פאר.

צי אינדאסטריאל יוניאניזמוס, צי טרייד־יוניאניזמוס, ווי באלד די מאסען זיינען רעאקציאנער, אין קאפיטאליסטישע פאראורטהיילע און אבערגלויבענס ערצויגען, וועט דעם סאציאליזמוס אלץ שווער זיין אין זיי זיך אריינצורייסען. צי טרייד־יוניאניזם, צי אינדאסטריאל־יוניאניזם — די מענשען בלייבען דאך דיזעלבע, זייערע בעגריפע קענען זיך אין א טאג ניט ענדערן; זייער קלאסענלאגע ענדערט זיך אויך ניט, דורך די ענדערונג פון דער ארגאניזאציאנס־פארמע און ווי באלד אז אזוי, פון וואנען איז גענאסע דעבס זיכער אז בראש פון אינדאסטריל־יוניאניזם וועלען אויף זיך ניט שטעלען דיזעלבע אדער עהנליכע קארומפירטע „לידערס" און „ווארד־הילערס"?

עס איז כאראקטעריסטיש, דאס ווען גענאסע דעבס נעהמט אריבער צו זיין פאזיטיווער פראגראם, ארגומענטירט ער ניט און בעווייזט ניט, ער זאגט נור נביאות. אויף וואס דיעזע נביאות וועגען דער גרויסער אויפלעבונג פון דער בעוועגונג אויף מארגען נאך דער איינפיהרונג פון אינדאסטריאל יוניאנזם, איז געגרינדעט, ווייסען מיר בשום אופן ניט.

מילד געזאגט, איז דאך א גרויסער ניט־אמת די בעהויפטונג, אז פיעלע זיינען א ב ־ ג ע ש ט א נ ע ן פון דער פארטיי, ווייל זי איז

דריטענס, *שיקאגא וועט יא האבן א גראנדיעזע, מעכטיגע סאציאליסטישע בעוועגונג* אין דעם מאמענט, ווען די פארטיי וועט זיך אין גאנצען אבשאקלען פון די טרייד־יוניאנס, און וועט זיך ערקלערען פאר דעם אינדאסטריאל־יוניאניזם, און דערמיט אליין וועט זי ווערען רעוואלוציאנער.

דיזע אלע דריי געדאנקען, מיט זייערע פארויסזעצונגען, ליידען פון איין קראנקהייט — זיי זיינען אלע געבויט אויף פאנטאזיע, ניט אויף דער ווירקליכקייט. דאס קערנדעל אמת וואס איז אין זיין ענטהאלטען, איז ארומגערינגעלט מיט א ים פון גוזמאות, און ניט ריכטיגע אדער ניט בעוויזענע בעהויפטונגען.

נעהמט דעם בראשית פון דער גאנצער זאך. דעבס האט זיך איינגערעדט, אז שיקאגא מוז דורכאויס זיין די סאציאליסטישע מוסטערשטאדט. פאר וואס עפעס? ווייל דא איז דער קאפיטאליזם שטארק ענטוויקעלט און דער קאפיטאליזם מוז דאך ארויסרופען דעם סאציאליזם — אזוי לערנט דאך דער מארקסיזם.

שוין אין דיעזער טענה ליעגט נור א קורטוב של אמת, מיט זעהר אן אונגעניעגענדער טיעפקייט און אויבערפלעכליכען פערשטענדניס פון מארקסיזם.

די רעדאקציאן פון „דיילי סאשעליסט" האט מיט ציפערן בעוויעזען, אז אייגענטליך איז דער טייוועל גאר ניט אזוי שווארץ ווי מען מאלט איהם. די שיקאגא'ר בעוועגונג וואקסט גאר ניט אזוי שלעכט, און שיקאגא קען זיך פערגלייכען מיט יעדער אנדער גרויסער שטאדט אין לאנד.

אבער וואס ניט געג. דעבס און ניט די רעדאקציאן פון „דיילי סאשעליסט" האבען ניט בעמערקט איז, אז מען קען ניט און מען טאר ניט אויסטייטשען די מארקסיסטישע לעהרע אזוי פלאך — אויבערפלעכליך און בלינד — דאגמאטיש.

דער קאפיטאליזם פיהרט צום סאציאליזם ערשטענס אביעקטיוו, דורך די ענטוויקלונג און קאנצענטרירונג פון די פראדוקציאנס־קרעפטען און, צווייטענס, סוביעקטיוו, דורך די געפיהלען, שטרעבונגען און אידעען, וועלכע ער רופט ארויס ביי די פראלעטאריער־מאסען, א דאנק דעם סאציאלען תחום, וואס ער שאפט צווישען דעם קאפיטאליסטישע קלאס און ארבייטער־קלאס, דורך די אונזיכערהייט פון לעבען. דורך די ארבייטסלאזיגקייט, דורך די גרויסע רעזערוו־ארמיי, דורך דעם *עלענד, דרוק* און אנדערע סאציאלע פורעניות'ן.

דער סאציאליזם איז דערפאר אין ערגעץ ניט געשאפען געווארען דירעקט אלס בעוועגונג פון די העכערע ספערען פון דעם ארבייטער־קלאס, פון די געלערענטע, בעסער־בעצאהלטע און ארגאניזירטע ארבייטער, נור, פערקעהרט, פון די „פראסטע ארבייטער", פון די ניעדריגערע שיכטען, פון יענע ברייטע מאסען, וועלכע זיינען וועניג אדער גאר ניט ארגאניזירט, וועלכע ווערען אם מייסטען עקספלאאטירט און לעבען אם ערגסטען. די ארגאניזירטע ארבייטערשאפט האט ענטוועדער *גאנץ שפעט גענומען צושטעהען* צום סאציאליזמוס, דאן ווען זיי האבען זיך ענטטוישט אין זייערע גליקען, ווי צום ביישפיעל אין ענגלאנד, אדער זיי האבען זיך גענומען ארגאניזירען אין שטארקע יוניאנס נ א כ ד ע ם ווי זיי האבען בעקומען זייער סאציאליסטישע ערציהונג, ווי אין דייטשלאנד און עסטרייך, אדער זיי זיינען נאך לגמרי ניט צוגעשטאנען צו דער סאציאליסטישער פארטיי ווי אין פראנקרייך און אמעריקא.

אויב מען הויבט אן צו זוכען די פעהלער פון א סאציאליסטישער בעוועגונג, און מען וויל אויסגעפינען איהר ריכטיגען צושטאנד, די אמת'ע אורזאכען פון איהר ערפאלג און מיסערפאלג, דארף מען דערפאר קודם כל זיך ווענדען צו די גרויסע עקאנאמיש נ י ט־ארגאניזירטע פראלעטאריער־מאסען, צו יענע שיכטען, וועלכע געהערען נ י ט צו די בעסער בעצאהלטע און געלערנטע טריידס.

אין שיקאגא רעכענט מען ארום 600,000 לוין־ארבייטער; פון זיי בעשטעהען דער וויט־גרעסערער טהייל פון ניט־געלערנטע און ניט־ארגאניזירטע ארבייטער. זיי זיינען די אמת'ע ווערבונגס־מאסע פאר די סאציאליסטישע ארמיי. די ארגאניזירטע ארבייטער, קלענער אין צאהל, איינגעוואקסען אין זייערע אלטע אבערגלויבענס און פאראורטהיילען, וועלכע זיינען דא שטארקער פערהעלטניסמעסיג ווי אין אנדערע שטעדט ווייל, ווי עס ווייזט די צענזוס־סטאטיסטיק, דער ארבייטער פערדיענט דורכשניטליך אין שיקאגא מעהר, ווי אין אנדערע גרויסע צענטערן, קענען ניט זיין ניט די ערשטע און ניט די בעסטע אנהענגער פון דער סאציאליסטישער פארטיי.

צוטרעטענדיג צו א קריטיק פון דער שיקאגא'ר סאציאליסטישער בעוועגונג יהאט געג. דעבס, ווען ער וואלט אביסעל טיעפער אריינגעדרונגען

# דעבס אַלס א סאָציאַליסטישער פּראָפעט

פון שאול עלשטיין

די פראגע וואָס פאַר א שטעלונג די סאָציאַליסטישע פאַרטיי דאַרף אָננעהמען צו די יוניאָנס — אָדער ווי גענאָסע פייגענבוים האָט אַמאָל געזאָגט — אין די יוניאָנס, די פראגע איז נאָך, ווי עס שיינט, ווייט פון געלייזט צו ווערען.

די פראגע איז נאָך אין קיין לאַנד ניט געלייזט געוואָרען. אין איין אָרט מעגען זיך די יוניאָנס און די סאָציאַליסטישע פאַרטייען נעהנטער צוזאַמענקומען, ווי עס איז דער פאַל אין דייטשלאַנד אָדער ענגלאַנד; אין אַנדערע ערטער מעגען זיי זיך זיין ווייטער איינער פון צווייטען, ווי עס איז דער פאַל אין פראַנקרייך און אין שפּאַניען, אָבער דיסקוטירען די פראגע פון ווי נאָהענט מען זאָל צוזאַמענקומען — די פראַגע ווערט היינט דיסקוטירט אין דייטשלאַנד ווי אין פראַנקרייך, אין ענגלאַנד ווי אין בעלגיען, אין עסטרייך ווי אין איטאַליען און איבעראַל ווערט די פראגע אזוי העפטיג דיסקוטירט ווי אין אַמעריקא.

עס פרעהט אונז דאַרום צו קענען געבען פאַר אונזערע לעזער די מיינונגען פון אַזעלכע אַנערקענען סאָציאַליסטען ווי גענאָסע קאַרל פאַרנבערג און אַנדערע איבער דעם, צי די סאָציאַליסטישע פאַרטיי אין אונזער לאַנד האָט ביז היינט גענומען א ריכטיגע שטעלונג צו די יוניאָנס, און צי די פאַרטיי האָט געדאַרפט האַנדלען אַנדערש.

די מיינונגען פון דר. ק. פאַרנבערג ווי אויך די מיינונגען פון די רעדאַקטערע פון דער „דייטשער פאָלקסצייטונג" און פון „סענט לואיס לייבאָר" און פון דער סענט לואיזער „ארבייטער צייטונג" בעציהען זיך אַלס ענטפער אויף אַן אַרטיקעל פון יודזשין וו. דעבס, אין וועלכען דעבס האָט געזוכט צו צייגען, אַז די אורזאַכע וואָרום די סאָציאַליסטישע פאַרטיי מאַכט אַזעלכע קליינע פאָרטשריטע אין שיקאַגאָ, איז דאָס דערפאַר, ווייל די סאָציאַליסטישע פאַרטיי אַנערקענט צו פיעל די יעצטיגע טרייד יוניאָנס און אַנערקענט צו ווייניג די אינדאַסטריעל וואָרקערס אָוו דהי וואָרלד.

די דערמאָנטע צייטונגען האָבען עדיטאָריעל בעהאַנדעלט דעבס'עס אַרטיקעל און מיר מאַכען פאַר אונזערע לעזער די פאָלגענדע אויסצינגע פון דער „אידישער ארבייטער וועלט".

גענ. פאַרנבערג בעצייכענט זיין אַרטיקעל: „רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיזם געגען סאָציאַל־דעמאָקראַטישען רעאַליזם", און זאָגט דאָס פאָלגענדע:

„... גענ. יודזשין וו. דעבס, אונזער פיעלמאָליגער נאַציאָנאַלער באַנערטרעגער, טרעט ארויס מיט א שאַרפער, פערניכטענדער קריטיק געגען שיקאַגאָ'ער סאָציאַליסטישע בעוועגונג.

איינענטליך איז שיקאַגאָ דאָ נור א משל. דיזעלבע טענות, דיזעלבע קריטיק, דיזעלבע נביאות וואָלט גענאָסע דעבס געקענט געברויכען( מיט אויסנאַהמע פון איינינע לאָקאַלע איינצעלהייטען אין די ראָלע און האַלטונג פון „דיילי סאָשעליסט") אויך געגען פיעלע אַנדערע שטערט, געגען כמעט אַלע גרויסע שטערט און אינדוסטריעלע צענטערן פון אַמעריקא. די צרה פון ניט וואַקסען איז, צום ביישפּיעל, אין ניו יאָרק און פילאַדעלפיא פיעל גרעסער ווי אין שיקאַגאָ. די צרה פון זיך נאָכיאָגען נאָך די יוניאָנס איז אין סענט לואיס און קליוולענד און אין נאָך אַנדערע שטערט ניט קלענער.

גענ. דעבס'עס אַרטיקעל האָט אַלזאָ א פיעל ברייטערע אַלגעמיינערע בעדייטונג ווי מכח שיקאַגאָ. און דאָך מוזען מיר מודה זיין, אַז דיזער אַרטיקעל איז געוועזן פאַר אונז א גרויסע, א איבעראַשענדע ענטטוישונג אין זיין קריטיק און, נאָך מעהר, אין זיין פּאָזיטיווען אינהאַלט און פּראָגראַם.

דעבס'עס אַרטיקעל איז ציעמליך גרויס, דאָך זיין געדאַנקען־אינהאַלט איז — מיר מוזען עס אָפען ארויסזאָגען — זעהר און זעהר אַן אָרימער. דער גאַנצער אינהאַלט פון דעם אַרטיקעל איז געבויט אויף דריי געדאַנקען.

ערשטענס, שיקאַגאָ האָט געמוזט האָבען א בעזונדערס שטאַרקע סאָציאַליסטישע בעוועגונג, ווייל דער קאַפּיטאַליזם איז דאָ הויך ענטוויקעלט.

צווייטענס, שיקאַגאָ האָט ניט קיין גרויסע סאָציאַליסטישע בעוועגונג, ווייל די סאָציאַליסטישע פאַרטיי דאָ גיט זיך צופיעל אָב און גיט צופיעל נאָך די טרייד־יוניאָנס.

4. פריהער איז ניט געווען קיין מינימום ווייִדזש. יעדער האָט געקראָגען אזוי פיעל אָדער אזוי ווענינ, ווי ער האָט געקענט קריגען פון זיין באָס. יעצט האָט די יוניאָן בעשטימט א מינימום, דאָס הייסט אַ ניט־וועניגער־סומע. מעהר קען מען נאטירליך נעהמען. ארבייטען אונטער דעם אַנערקענטען *מינימום הייסט שוין פערברעכען* נעגען דעם אגרימענט.

די איינפיהרונג פון דעם „מינימום“ האָט באַלד געהעכערט די ווייִדזשעס פון פיעלע טויזענדער ארבייטער, מיט פון צוויי ביז פיער דאָלאר אויף דער וואָך.

5. פריהער פלעגט מען צאָהלען ווייִדזשעס אין פערשיעדענע טעג, און אמאָל אין געלד און אמאָל אין טשעקס. יעצט מוז מען די ווייִדזשעס צאָהלען אין איין בעשטימטען טאָג און נור אין קעש.

6. יעדער באָס מוז האָבען זיין איינענעם שאָפּ, וואו ארבייט זאָל געמאכט ווערען. קיין ארבייטען ביי קאָנטראַקטאָרס!

7. אַ גלייכע צוטהיילונג אין דער ארבייט אין סלעק צייט.

8. אינדיווידועלע אגרימענטס מיט ארבייטער איז ניט ערלויבט.

9. עס ווערט געגרינדעט אַ באָארד אָוו גריוועגס, אויסצוגלייכען צוויסטינקייטען. די באָסעס ווערען דאָ אריינגעבראכט אין אַ לאַנע, וואו זיי וועלען מוזען היטען איינער דעם צווייטען, אז דער אגרימענט וואָס זיי האָבען געסיינט מיט דער יוניאָן זאָל אָבגעהיט ווערען.

10. אַ באָארד אָוו סאַניטארי קאָנטראָל ווערט געגרינדעט. די קלאָוקמייקער יוניאָנס זיינען געווען די ערשטע, יעצט זיינען די ליידיעס טיילאָרס די צווייטע צו זעהן איינפיהרען געזינדערע און זיכערערע צושטענדע אין די שעפּער, *צו פערהיטען דעם ארבייטערס געזונד און לעבען.*

11. עס ווערט געגרינדעט אַ באָארד אָוו ארביטריישאָן צו סעטלען די גרעסערע צווייטינקייטען און צו פערמיידען אָפטע סטרייקס.

דאָס זיינען פון די וויכטיגסטע נייע געווינסען אין דעם אַגרימענט, וועלכע אונזער לאָקאל 38 האָט ערשט געוואונען.

בראַוואָ ליידיעס טיילאָרס!

די מיטגליעדער פון דער גאַנצער אינטערנייִשאַנאַל *ליידיעס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן* מעגען זיך הערצליך גראַטולירען!


## נעקסטען מאָנאט

צוויי ספּעציעלע אַרטיקלען

---

„ווי די דייטשע טרייד יוניאָנס פערוואַלטען זייערע געשעפטען“

פון ה. פּפעלינגער

---

„פרויען אין די פראַנצויזישע טרייד יוניאָנס“

פון העלען מאַראָט

סעקרעטער ווימענס טרייד יוניאָן ליגע

17. די באָסעס אַסאָסיאײשאַן און די יוניאָן שטימען איין צו פאָרמירען אַ דזשאָינט באָארד אָװ סאַניטאַרי קאָנטראָל, בעשטעהענד פון 7 מעמבערס: צװײ פון דער באָסעס אַסאָסיאײשאַן, 2 פון דער יוניאָן און 3 פון דעם פובליקום — די 3 פון דעם פובליקום זאָלען אויסגעקליבען װערען דורך מאיר לאָנדאָן און דזשוליוס הענרי קאָהן. די סאַניטאַרי קאָנטראָל קאָמיטע זאָל אויסאַרבייטען רולס און רעגולײשאָנס װעגען די געזונדהייטס־צושטענדע פון די שעפער, און סײ די אַרבייטער, סײ די באָסעס זאָלען די רולס מוזען אָבהיטען. די רולס און רעגולײשאָנס װאָס די סאַניטאַרי קאָנטראָל קאָם. װעט אויסאַרבייטען און בעשטימען, זאָל װערען אַ טהייל פון דיעזען אַגרימענט.

18. די אַסאָסיאײשען און די יוניאָן שטימען איין צו גרינדען אַ בעשטענדיגע באָארד אָװ אַרביטרײשאָן. איין אַרביטרײטאָר זאָל נאָמינירט װערען פון דזשוליוס הענרי קאָהן, איינער פון מאיר לאָנדאָן, און דיעזע 2 אַרביטרײטאָרס זאָלען זיך אײניגען װעגען אַ 3טען. אין פאַל זײ װעלען זיך ניט קענען אײניגען, דאַן זאָל דער דריטער פערזאָן װערען אויסגעקליבען פון די צװײ, װעמען לאָנדאָן און קאָהען װעלען צוערשט האָבען בעשטימט. דיעזע אַרביטרײשאָן באָארד זאָל באַלד נאָכ'ן סײנען פון דעם אַגרימענט צוזאַמענקומען און ענטשײדען די פאָלגענדע צװײ פונקטען:

א) פיעל זאָל געצאָהלט װערען פיר אָװער־טיים,

ב) פיעל זאָל געצאָהלט װערען פיר „מאָור־נינג“ אָרדערס, װאָס װערען געאַרבייט דורך אָװער־טיים.

ג) פיעל זאָל געצאָהלט װערען פיר לינעל האָלידעיס.

דעם פרייז װאָס די אַרביטרײטאָרס װעלען בעשטימען זאָל געצאָהלט װערען צו די אַרבײ־טער פון דעם טאָג אָן װאָס דער אַגרימענט װערט געסיינט.

19. צו דער בעשטענדיגער באָארד אָװ אַרביטרײשאָן זאָל איבערגעגעבען װערען אַלע צװיסטיגקייטען װאָס קענען פאָרקומען צװישען דער אַסאָסיאײשאָן און די יוניאָן, און דער בעשלוס פון דער באָארד אָװ אַרביטרײשאָן זאָל זיין בינדענד פאַר בײדע צדדים. אין פאַל פון געװיסע צװיסטיגקייטען, זאָל קיין סטרייק אָדער לאָק־אויט ניט ערקלעהרט װערען, ביז די באָארד אָװ גריװענס און די באָארד אָװ אַרביטרײשאָן האָבען געהאַט אַ מעגליכקייט די זאַך צו בע־טראַכטען און צו בעשטימען.

20. צװיסטיגקייטען צװישען בײדע צדדים מוזען צוערשט פאָרקומען פאַר דער גריװענס קאָמיטע און דאַן, װען זײ קענען די זאַך ניט שליכטען, זאָל דאָס איבערגעהן צו דער אַרביט־רײשאָן באָארד. די קאָמיטעס קענען אָבער אין קיין פאַל ניט ענדערען דעם אַגרימענט פאַר אַ יאָהר פון דעם טאָג װאָס דער אַגרימענט איז אונטערשריעבען געװאָרען.

אונטערצײכענט פיר דער „לײדיעס טײלאָרס און דרעסמײקערס יוניאָן“, לאָק. 38 אינט. לײדיעס גאַרמענט װאָרקערס יוניאָן,

**מאיר לאָנדאָן.**

פיר דער „מוידטשענטס סאָסײעטי אָװ לײדיעס טײלאָרס און דרעסמײקערס“,

**דזשוליוס הענרי קאָהן.**

געסיינט סעפּט. 18טען 1011.

דאָס איז אַלזאָ דער אַגרימענט פון לאָקאַל 38 — איינער פון די בעסטע אַגרימענטס, אויב ניט דער בעסטער, װאָס אונזערער אַ לאָקאַל האָט װען געמאַכט מיט אַ באָסעס אַסאָסיאײשאָן.

אין מאַנכע פּרטים איז דער אַגרימענט פיעל בעסער װי דער, אונטער װעלכען עס אַרבייטען אונזערע קלאָוק און סקוירטמײקערס.

װאָס איז אין דיעזען אַגרימענט דאָ נײעס? װאָס האָבען יעצט די טױזענדער מעמבערס פון לאָקאַל 38 מעהר, װי זײ האָבען געהאַט פאַר'ן סטרייק?

זײער געװינס איז פאָלגענדעס:

1. פריהער האָבען זײ ניט געהאַט קיין רעכט צו האָבען אַ שאָפּ דעלעגאַט, און קיין פערטרעטער פון דער יוניאָן האָט ניט געהאַט קיין רעכט צו בעזוכען די אַרבייטער אין די שעפער. יעצט האָבען די אַרבייטער דאָס רעכט צו זיין פערטראָטען אין שאָפּ דורך אַ שאָפּ־טשערמאַן, און דורך דעם אַלגעמיינעם יוניאָן פערטרעטער.

2. פריהער איז געװען אַנערקענט אין טרייד צװײ סיסטעמען פון אַרבייט: װאָך־אַרבייט און שטיק־אַרבייט, היינט װערט נור איין סיסטעם אַנערקענט, און דער סיסטעם װעט זיין װאָכען־אַרבייט.

3. אַנשטאָט אַן אַרבייטס־װאָך פון 52 שטונדען, װעט יעצט געאַרבייט װערען 50. אַנ־שטאָט װאָס שבת נאָכמיטאָג האָט מען פריהער געאַרבייט ביז 4 און ביז 5, װעט מען יעצט אַרבייטען שבת נור ביז 1 אוהר.

1. יעדער מיטגליעד פון דער אַסאָסיאיישאָן מוז אָנהאַלטען אַ יוניאָן־שאַפּ. ער מוז בעשעפטיגען נור גוטשטעהענדע מעמבערס פון לאָקאַל 38 א. ל. ג. וו. יו., זאָלאַנג מען קען נור קריגען מעמבערס פון דער יוניאָן צו ארבייטען.

2. די סיסטעמע פון שטיק־ארבייט ווערט אָבגעשאַפט. אַלע ארבייט דאַרף געטהאָן ווערען אויף דער סיסטעם פון וואָך־ארבייט.

3. אַ וואָך ארבייט זאָל בעשטעהן פון 50 שטונדען. די ארבייטס־צייט זאָל צוטהיילט ווערען ווי פאָלגט: די ערשטע 5 טעג זאָל געארבייט ווערען פון 8 פריה ביז 12 ביייטאָג, און דאַן פון 1 אוהר ביז 6 אבענדס. שבת זאָל געארבייט ווערען פון 8 אוהר מאָרגענס ביז 1 נאָכמיטאָג.

4. ווייידזשעס זאָל געצאָהלט ווערען יעדע וואָך און די פּרייזען זאָלען זיין ווי פאָלגט: שניידערס, ניט וועניגער (מינימום סקייל) ווי 24 דאָלאַר אַ וואָך; מענער שניידערס ארויסהעלפער, ניט וועניגער (מינימום סקייל) ווי 18 דאָלאַר אַ וואָך; *פּרויען־שניידער, ארויסהעלפער*, ניט וועניגער (מינימום סקייל) ווי 16 דאָלאַר אַ וואָך.

די פּרייזען זיינען פיר די בעסערע קלאַס שעפּער.

5. ווייידזשעס זאָל געצאָהלט ווערען אין אַ בעשטימטען טאָג אין דער וואָך, און אין קעשנעלד.

6. זונטאָג טאָר ניט געארבייט ווערען.

7. אַלע ארבייט *מוז געמאַכט* ווערען אינסייד. יעדער באָס מוז האָבען זיין אייגענעם שאַפּ וואו ארבייט זאָל געמאַכט ווערען.

8. אָווער־טיים זאָל ניט געארבייט ווערען פאַר אַ לענגערע צייט ווי 2½ שטונדען אַ טאָג, ניט שפּעטער ווי ביז האַלב נאָך אַכט. שבת טאָר קיין אָווער־טיים ניט געארבייט ווערען. צווישען די צייט פון דעם 15טען סעפּטעמבער ביז דעם 1טען דעצעמבער, און פון דעם 15טען מערץ ביז דעם 15טען מאַי איז פערשטאַנען צו זיין די ביזי צייט, און דאַן מעג מען דורך די וואָכען־טעג ארבייטען אָווער־טיים. אין די אַנדערע מאָנאַטען איז איבערהויפּט ניט ערלויבט צו ארבייטען קיין אָווער־טיים.

9. *אין יעדען שאַפּ זאָל זיך געפינען אַ שאַפּ* טשערמאַן ערוועהלט פון די ארבייטער פון שאַפּ. אַ פערטרעטער פון יוניאָן זאָל האָבען דאָס רעכט אריינצוגעהן אין יעדען שאַפּ. די צייט ווען דער פערטרעטער פון דער יוניאָן זאָל בעזוכען די שעפּער וועט בעשטימט ווערען פון דער באָארד אָוו גריוועגס.

10. דורך דעם סלעק־סיזאָן זאָל די ארבייט צוטהיילט ווערען אַזוי גלייך ווי מעגליך, כדי יעדער ארבייטער זאָל אויסארבייטען אַ גלייכע סומע לויט זיינע ווייידזשעס.

11. די פירמע טאָר ניט מאַכען קיין אינדיווידועלע אַגרימענטס מיט די ארבייטער און ניט נעהמען פון קיינעם קיין סעקיוריטי.

12. אין דיעזען אַגרימענט ווערט ניט בעשרענקט דאָס רעכט פונ'ם באָס צו סעקען אַן ארבייטער פאַר שלעכטע ארבייט אָדער פאַר שלעכטע אויפפיהרונג. עס מוז אָבער פערשטאַנען ווערען אַז ווען אַן ארבייטער ענטזאַגט זיך צו פאָלגען דעם באָס אין אַ פּונקט וואו עס האַנדעלט זיך וועגען ברעכען דעם אַגרימענט, דאַן זאָל אַזאַ האַנדלונג פונ'ם ארבייטער ניט פּעררעכענט ווערען אַלס אַן אורזאַכע צו ווערען געסעקט.

13. די באָארד אָוו גריוועגס זאָל האָבען דאָס רעכט צו צווינגען אַ באָס צוריקצונעהמען אַ געסעקטען ארבייטער, און צו הייסען דעם באָס בעצאָהלען דעם ארבייטער פאַר זיין פערלאָרענע צייט.

14. קיין ארבייטער טאָר ניט ווערען געצוואונגען צו ארבייטען די פאָלגענדע ליגעל האָלידייס: לייבאָר דעי, עלעקשאָן דעי, טענקסגיווינג־דעי, וואשינגטאָן בוירטה דעי, לינקאָלן בעירטה־דעי ווען ארבייטער וועלען זיך ענטזאַגען צו ארבייטען דעם 1טען מאַי, דאַן זאָל עס ניט פערערעכענט ווערען אַלס אַ פערלעצונג פון דעם אַגרימענט.

15. ווען ארבייטער וועלען זיך ענטזאַגען צו מאַכען ארבייט וואָס קומט פון אַ פירמע וואו אַנדערע ארבייטער סטרייקען, דאַן זאָל די האַנדלונג ניט פערערעכענט ווערען אַלס אַ פערלעצונג פון דעם אַגרימענט.

16. אַ באָארד אָוו גריוועגס זאָל צונזאַמענגעשטעלט ווערען, בעשטעהענד פון אַכט פערזאָן: פיער פון דער זייט פון די ארבייטער און פיער פון דער זייט פון די באָסעס. פאַר דיעזער באָארד זאָל פאָרגעלעגט ווערען אַלע קאָמפּלייגס וואָס קענען פאָרקומען צווישען באָסעס און ארבייטער. די באָארד אָוו גריוועגס זאָל האָבען דאָס רעכט צו מאַכען אַזעלכע רולס ווי זי וועט געפינען פיר נויטיג אום אָנצופיהרען איהר ארבייט.

# דער לײדיעס גאַרמענט װאָרקער

נומער 10. | אָקטאָבער, 1911. | 2טער יאהרגאַנג


# דער גרויסער זיעג פון די ־ניו יאָרק לײדיעס טײלאָרס

אונזערע זיעבען־אכט טויזענד לײדיעס קאָסטאָם טײלאָרס און דרעסמײקערס פון לאָקאַל 38 (ניו יאָרק) האָבען געהאַט אַ מערקווירדיג ניכען און גרויסען זיעג!

דער געדאַנקען פאַר אַ סטרײק איז שוין געװען לאַנג פאַרברײטעט צווישען די אַרבײטער. דער טרײד איז גוט אָרגאַניזירט, די אַרבײט איז אַ געלעגענטע, און באַלד ווי עס האָט זיך גענומען דערנעהענטערען דער ־נײער סיזאָן, האָט לאָקאַל 38 אויסגעאַרבײט זײנע פאָדערונגען און זײ צושיקט צו די באָסעס, פאָדערענדיג אַן ענטפער ביז דעם 12טען סעפּטעמבער.

די באָסעס פון זײער זײט האָבען באַלד אָנגעפאַנגען אײנצוזעהן דאָס אונפערמײדליכע, און האָבען ארויסגעוויזען אַ גערענקײט צו פערהאַנדלען מיט דער יוניאָן און צו קומען צו אַ פערשטענדניס, וואָס זאָל פערמײדען אַ לאַנגען סטרײק.

די פערהאַנדלונג איז פאָרגעקומען. לאָקאַל 38 איז אין אַלע בעװעגונגען געהאָלפען געװאָרען דורך די אונערמיעדליכע אַרבײט פון אונזער דזשענעראַל סעקרעטער דזשאָהן אַ. דײש, פּרעז. ראָזענבערג, מאיר לאָנדאָן און ווײס־פּרעזידענט גרינבערגער.

דעם 12טען סעפּטעמבער איז אַן ענטהוזיאַסטישער מאַס־מיטינג אָבגעהאַלטען געוואָרען אין דעם גרויסען קאַרנעגיע האָל, וואו יעדער זיץ און יעדער פּלאַץ פון דער ריעזיגער געבײדע איז געװען פערנומען פון די ענטהוזיאַסטישע מעמבערס פון דער יוניאָן. דער סטרײק־גײסט האָט יעדען אַרומגענומען. אַ סטרײק איז ערקלעהרט געוואָרען.

אויף מאָרגען אום 1 אוהר האָבען די טויזענדער מענער און פרויען פערלאָזען זײערע שעפּער, זײנען אוועק אין די בעשטעלטע האַלען, אַלעס איז געװען פאַרטיג די מאַסען צו עמפּפאַנגען. זײ האָבען ־געקראָגען די נויטיגע אינסטרוקציאָנען, ווי אַ סטרײקער דאַרף זיך אויפפיהרען, וואָס ער מוז טהאָן און וואָס ער מוז אויסמײדען.

און באַלד ווי דער עולם איז געװען פערזאַמעלט אין די האַלען, האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ נײע פערהאַנדלונג מיט די באָסעס — מיט די גרויסע באָסעס, מיט די מעמבערס פון דער „מוירטשאַנט טײלאָרס און דרעסמײקערס אַסאָסיאײשאָן".

מיט די קלײנע באָסעס איז ניט געװען וואָס צו פערהאַנדלען, זײ זײנען באַלד געקומען סעטלען אויף די קאָנדישאַנס וואָס די יוניאָן האָט געשטעלט.

*דער סטרײק האָט געדויערט אַן ערך אַ וואָך* צײט, און אַלעס איז געװען געענדיגט אין די אינטערעסען פון די אַרבײטער!

דאָס איז געװען אַ מערקווירדיג ניכער סטרײק, מיט גרויסע געווינסען פאַר אונזערע מעמבערס.

*מיר דרוקען דאָ איבער דעם אַגרימענט,* לויט ווי ער איז אונטערשריבען געוואָרען פון מאיר לאָנדאָן פון דער זײט פון די אַרבײטער, און פון דזשוליוס הענרי קאָהן, וועמען אונזערע לעזער קענען אַלס דעם לאָיער פון די קלאָוק מאַנופעקטשורערס, וועלכער איז איצט אויך דער פערטרעטער פון דער באָסעס אַסאָסיאײשאָן אין דער לײדיעס קאָסטאָם טײלאָרינג טרײד.

דער אַגרימענט לײענט זיך ווי פאָלגט:

# פרייזען

פיר

## שאַפּען סובסקרייבערס
## גילטען נאָך

האָט איהר שוין אַ גאָלד ראָלד וואָטש פאָב מיט'ן לייבעל פון אונזער אינ־טערנייִשאָנאל יוניאָן און מיט אייער נאָמען דארויף אויסגעקריצט ?

אויב ניט, וועלען מיר דאָס אייך פּאָזיטיוו צושיקען. אַלעס וואָס איהר דאַרפט טהון איז פערקויפען

100 סובסקריפּשען קאַרדס.

אויך גיבען מיר אַ צווייטען פּרייז — אַ פאָב אין מאַטען גאָלד מיט'ן לייבעל און אייער נאָמען דארויף, ווען איהר פערקויפט 50 קאַרדס.

שרייבט דערוייל נאָך 10 קאַרדס. קיין געלד פאָראויס דאַרפט איהר ניט געבען. ווען איהר האָט פערקויפט די 10 קאַרדס שיקט אונז צו $2.50 און פערלאַנגט נאָך 10 קאַרדס און אזוי ביז איהר האָט פערקויפט 50 אָדער 100 קאַרדס. גיט אָן אייער נאָמען, אדרעס און לאָקאַל־סעקרעטער.

אדרעסירט אייער בריעף צו

JOHN A. DYCHE

32 Union Square :: NEW YORK CITY


91. Worcester, Mass., White Goods Workers—Goldie Margolis, Sec'y, 2 Ash St.
92. Toronto, Can., Cloak & Skirt Pressers Union—Ben Wolhendler, 25 Cecil St.
93. St. Louis, Mo., Alteration Tailors Union—Jacob Glickman, Sec'y, 11th & Franklin Ave.
94. Chicago, Ill., Skirt Makers Union—Isaac Levinson, Sec'y, 1232 Washburne Ave.
95. Detroit, Mich., Ladies' Garment Workers Union—H. Altman, 146 Macomb St.
96. *Toledo, Ohio, Ladies' Garment Workers—Rose Kopp, Sec'y, 1029 Moore St.*
97. Winnipeg, Man., Can., Ladies' Garment Workers A. Geller, Sec'y, 305 Elgin Ave.

---

## JOINT BOARDS & DISTRICT COUNCILS.

Joint Board of New York—Louis Gordon, Secretary; Office, 79 East 10th St.

Joint Board of Philadelphia—Max Amdur; Office, 30 North 10th St.

Joint Board of Boston, Mass.—M. Kurland, Secretary, 31 North Russell St.

Joint Board of Cincinnati—Miss Emma Betz, Secretary, 620 Riddle Road, Clifton Heights.

Joint Board of St. Louis—Jacob Glickman, Business Agent, Fraternal Bldg., 11th & Franklin Ave.

Joint Board of Cleveland—S. Frankfurth, Secretary, 2609 East 48th St.

Joint Board of Baltimore—M. Hertzbach, Secretary; Office, 1110 East Baltimore St.

Joint Board of Albany & Troy—S. Bermon, Secretary, 59 Rensselaer St., Albany, N. Y.

Joint Board of Chicago—S. Hartman, Secretary; Office, 1125 Blue Island Ave.

Joint Board of Montreal, Canada—J. Slobodsky, Sec'y, c/o Harrison, 2328 St. Dominique St.

District Council of New York—S. Elstein, Sec'y; Headquarters, 32 Union Square.

District Council of Philadelphia—Simon Davidson, Sec'y, 525 Mifflin St.

District Council of Toronto—H. R. Barton, Sec'y, Labor Temple, 14 Church St.


## י. קראַוז

מאַנופעקטשורער פון

## בעדזשעס און בעננערס

אַלעס גוט געמאַכט

דורכאויס יוניאָן־ארבייט

134 קלינטאָן סטריט



דיעזער זשורנאַל איז געזעצט און געדרוקט

אין דער גרעסטער

## יוניאָן דרוקעריי

פון

## ליפשיטץ פּרעסס

49־51 לאַפאַיעט סטריט, ניו יאָרק

Tel., 1720-1730 Franklin


---

## MANUFACTURERS USING OUR UNION LABEL

**On Waists**

H. Frank & Co., 33 West 17th Street, New York City.
Sam Grossman & Co., 37 East 17th Street, New York City.
Solomon & Steiner, 34 West 15th Street, New York City.

**On Cloaks and Suits**

Spies & Alper, 174 Springfield Avenue, Newark, New Jersey.

אקטאָבער, 1911

# דער לײדיעס גאַרמענט װאָרקער




### אינהאלטס־פערצייכניס:

גרויסער זיעג פון די נ. י. לײדיעס טײלאָרס — — — — — — — — — ***

לעבען אַלס סאָציאַליסטישער פּראָפּעט — — — — — — — — שאול עלשטיין

סטרײק־בענעפיט — װער זאָל דאָס צאָהלען?

די אינדוסטריעל װאָרקערס פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַלען געריכט.

דער שיקזאַל פון אַן אַרבײטער פרוי.

נאָטיצען װעגען קליװולאַנד און די אַרבײטער פּרעסע.

קולטורעלע אַרבײט אין די טרײד־יוניאָנס.

מאַן און װײב — אַ דראַמאַטישע סקיצע.

ערשײנט מאָנאַטליך אין אידיש און ענגליש

ליפשיטץ פּרעס, 49-51 לאַפאַיעט סט., נ. י.